ב״ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# גבורת ישראל

אידיש

671

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ״ט לפ״ק

ספר

# גבורת ישראל

## און דיזען ספר ווערד בעשריבען וואס עם האט זיך פאסירט ביי דיזע גאונים.

אַ מַעֲשֶׂה נוֹרָא פון אֵלִיָהוּ הַנָבִיא.
אַ מַעֲשֶׂה נוֹרָא מהרמב"ם וצ"ל.
זֵייעֶר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיות וואס עס האט זיך גיטראפען עם הבעש"ט הַקָדוֹש וצל"ה.
זֵייעֶר וִוינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פון ר' מֵאִיר פְּרוּמִשְׁלַאנֶער ז"ל.

אַ מַעֲשֶׂה נוֹרָא פון רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ הָרֶבִּי מִלּוּבְּלִין וצ"ל.
אַ מַעֲשֶׂה נוֹרָא פון רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ הָרֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלֶעזֶ'ענְסְק וצלה"ה.
אַ מַעֲשֶׂה נוֹרָא מֵהָרֶבִּי ר' זוּשָׁא וצ"ל.

ווארשא

שנת תרפ"ד לפ"ק

# גבורת ישראל

## אַ ווינדערליכע מעשה פון אליהו הנביא.

אין ירושלים איז געוועזען אַ גרויסער עושר און אלע מסחרים וואס ער האט גימאכט האט ער זייער געגליקט ער האט זיך אויפגעבויט האזער און איינגעקויפט שיינע מעבלען און געהאלטען אַ סאך מענשען צו די געשעפטען מיט אמאהל האט זיך זיין מזל אויס געלאזט און אלע מסחרים האט ער אנגעוואהרען ביז ער איז געווארען אַ גרויסער ארימאן און ער האט נישט געהאט אויף קיין שטיקעל ברויט פאר זיינע קינדער וועגין האט ער גיזאגט צו זיין ווייב די זעסט דאך אז מיר האבען שוין גאר נישט וואס צו פערקויפען איך וועל ארויס געהן אויף דער וועלט אפשר וועט מיר השי״ת מזמין זיין וואס צו פארדינען פרנסה האט זי איהם געזאגט געה און השי״ת זאל דיר שיקען אליהו הנביא און דיך בעגליקען. איז ער ארויס געגאנגען און גאס אריין צו ווארטין ביז ער וועט זעהן אַ חברה וואס עס גייען און וועג אריין. אויך איז דארט געוועזין אַ למדן וואס ער איז געזעסען יומם ולילה און געלערענט און דער שווער האט איהם גיגעבען צו עסען און טרינקען. מיט אַ מאהל איז דער שווער געשטארבען און זיין גאנץ עשירות איז פאר ברענט געווארען און ער האט נישט געהאט פאר וואס צו לעבען האט ער געמוזט פארקויפען די ספרים ער זאל האבען אויף ברויט ביז ער האט שוין קיין ספרים אויך נישט גיהאט. האט ער געזאגט צו זיין ווייב די זעסט דאך אונזער גרויס ארימקייט און איך האב שוין אויס פערקויפט אלע ספרים און האב נישט אין וואס צו לערנען וועל איך דאך פערגעסין וואס איך האב געלערענט ביז היינט. אלזא האב איך בעשלאסען אוועק צו לאזען זיך אין דער וועלט אריין אפשר וועט מיר השי״ת העלפען און וועט מיר צו שיקען ביי וואס צו פאר דינען מיין פרנסה. איז דאס איהר זייער גיפעלען און האט איהם גיווישען אַ גליקליכע רייזע און ער איז געגאנגען אין גאס אריין זעהן אפשר וועט ער בעקומען אַ חברה וואס זיי זיי געהען און וועג אריין ער זאל קאנין מיט זיי מיט גיין. האט ער גֶעטראָפֶען דעם

עושר

עושר. און זיי האָבען זיך דערצייהלט איינער דעם צווייטען זייער לאַגע און זייערע בעשליסען צו לאָזען זיך און וועג אַריין. נאָר זיי האָבען געוואַרט אפשר וועט נאָך איינער קומען. אויך איז דאָרט געוועזען אַ גרויסער ירא שמים און ער האָט געהאַט פרנסה בריוח נאָר ער האָט געהאַט זייער אַ שלעכט ווייב זי האָט איהם נישט געלאָזט רוהען און ביי טאָג און ביי נאַכט האָט זי געשאָלטען און געזידלט האָט ער אויך* בעשלאָסען זיך אַוועק צו לאָזען און וועג אַריין און ער איז אַנטלאָפען פון שטאָדט אָהן איהר ידועה און ער איז געקומען און גאַס אַריין האָט ער געטראָפען דעם עושר מיט דעם למדן און ער האָט זיי דערצייהלט אַז ער וויל זיך אויך לאָזען און וועג אַריין. זענען זיי אַלע אַוועק געגאַנגען און זיי זענען אַזוי געגאַנגען דריי יאָהר פון שטאָדט צו שטאָדט און פון דאָרף צו דאָרף און זיין האָבען גאָר נישט געפינען קיין שום פרנסה. און זענען דער ווייל געוואָרען אָב געריסען דען זיי האָבען נישט אזוי פיעל געמאכט זיי זאָלען האָבען אויף אַ מלבוש:

אַמאָהל זענען זיי אַ דורך געגאַנגען דורך אַ פעלד און זיי זענען זייער מיעד געוואָרען האָבען זיי זיך אַנידער געזעצט אָב רוהען און האָבען דאָרט זייער שטאַרק געוויינט אויף זייער גרויס אָרימקייט און גיבעטען השי"ת מיט גרויס כוונה ער זאָל זיי העלפען איז צו זיי צו געקומען אַ אַלטער מאַן און זיי גיפרעגט וואָס זיי וויינען האָבען זיי איהם גיזאָגט וואָס וועט איהר אונז דען העלפען אַז מיר וועלען אייך דערצייהלען. האָט ער זיי זייער גיבעטען האָבען זיי איהם' דערצייהלט יעדען זיינע צרות. דער עושר האָט איהם דערצייהלט ווי ער איז גיוועזען אַ עושר און איז ל"ע נתדלדל גיוואָרען און יעצט האָט ער געמוזט ארויס וואַנדערין פון דער היים ווייל ער האָט ניט געהאַט אפילו קיין טריקען שטיקעל ברויט און עס איז שוין דריי יאָהר אַז ער וואַנדערט און ער האָט גאָר ניט אפילו פאַר זיך. דער צווייטער דער למדן האָט דערצייהלט. אַז ער איז גיזעסען יומם ולילה און האָט גילערינט און אויך געפיהרט אַ ישיבה און דער נאָך איז ער אָרים גיוואָרען און האָט אַלעס געמוזט פערקויפען און ארויס וואַנדערין און יעצט זאָגט ער צום אַלטען זעה אַז אפילו מיינע מלבושים זענען צוריסען גיוואָרען און איך שעהם מיך גאָר צו קומען צווישען מענשין און זאָגען אַז איך בין אַ תלמוד חכם. דער דריטער דער ירא שמים האָט דערצייהלט אַז איהם פיהלט גאָר נישט און דער היים נאָר ער מוז אַנטלויפען און זיין נע ונד צוליעב דעם שלעכטיגקייט פון זיין ווייב וואָס זי שעלט איהם טאָג און נאַכט

נאַכט און ער האָט פון איהר קיין מנוחה ניט. האָט ער זיי געזאָגט הערט מיך צו איך בין אליהו הנביא און בין געקומען צו אייך כדי אייך צו העלפין פון אייערי נויט נאָר איהר זאָלט מיך פאָלגען וואָס איך וועל אייך הייסען. האָבען זיי איהם צו געזאָגט. האָט ער צו גערופען דעם עושר און האָט איהם גיגעבען אַ מטבע און האָט צו איהם געזאָגט איך גיב דיר די מטבע און אַזוי ווי די וועסט אַ היים קומען זאָלסטו די מטבע אַריין לייגען און אַ קאַסטין אַריין וועט תיכף דער קאַסטען ווערין פיהל מיט געלד. נאָר די זאָלסט מיר צו זאָגען אַז די וועסט תיכף אויף בויען א בית מדרש און עס זאָלען דאָרט תמיד זיצען צעהן יונגע לייט און לערנען און די זאָלסט זיי געבין אלעס וואָס זיי דאַרפען און אַזוי זאָלסטו אויך געבין צדקה צו אָרימעלייט וויפיהל זיי וועלין נאָר וועלין און ווען די וועסט צו גיין צום קאַסטען וועט ער זיין פיהל אַזוי ווי און ערשטער צייט. האָט דער עושר איהם צו געזאָגט. און דעם למדן האָט ער גיגעבען אַ ספר און האָט איהם גיזאָגט אַזוי ווי די וועסט אַ היים קומען זאָלסטו אַריין לייגען דאָס ספר און שאַנק אַריין וועט די שאַנק ווערין פיהל ספרים און די וועסט זיי פערקויפין וועט די שאַנק ווידער פיהל ווערין ווי פריהער וועסטו האָבען דערפון כרנסה בריוות. נאָר בתנאי די זאָלסט זיצען און לערנין. און צו דעם ירא שמים האָט ער גיגעבין אַ פינגעריל און האָט איהם געזאָגט אַז די וועסט אַ היים קומען זאָלסט אויפהעגגין דאָס פינגעריל אויף דער וואַנט וועט דיין ווייב גוט ווערין און איהר וועט לעבין בשלום. און אליהו איז פון זיי אַוועק געגאנגען. זענין זיי אלע פריילך גיגאנגען און זייער שטאָדט אריין. און ווי דעם עושרים ווייב האָט דערזעהן איהר מאן אָהנקומען אָבגעריסען און באָרוויס האָט זי אָהן געהויבען צו וויינען און געזאָגט איך האָב געמיינט אז די וועסט אונז אהיים ברענגין עפיס א גישעפט מיט וואָס מיר זאָלען קאָנען מפרנס זיין א סוף ביסטו אליין אויך נאקיט האָט דער מאן איהר גיזאָגט שווייג שטיל אליהו הנביא האָט מיר גיגעבין א מטבע וואָס אז איך וועל זי אַריין לייגען און קאַסטין וועט דער קאַסטין ווערין פיהל געלד. נאָר ער האָט מיר אָהנגיזאָגט איך זאָל געבין אַ סאַך צדקה און אויף בויען אַ בית מדרש און מען זאָל דאָרט לערנין יומם ולילה:

ווי ער איז געקומען און שטיב אַריין האָט ער די מטבע אַריין גילייגט און דעם קאַסטען אַריין איז דער קאַסטין תיכף פיהל געוואָרען מיט אַ גערויסען אוצר האָבען זיי זיך שטאַרק געפריידט און דער עושר האָט זיך אויסגעבויט אַ גרויסען פּאַלאַץ און האָט פיעל צדקה גיגעבין נאָר קיין בית המדרש

האָט

האָט ער נישט געפּוּיט און האָט נישט אויס געהאַלטען קיין צעהן יונגע לייט זיי זאָלען זיצען און לערנען נאָר ער האָט אָנגעהויבען צו האַנדלען און האָט גיגעבען פיהל צדקה און געגעבען אורחים צו עסען ביז עס האָבען שוין אַלע אָרימע לייט געוואוּסט אַז ביי דעם עושר בעקומט מען עסין אין אַ שיינע נדבה. זענין צו איהם געקומען שטענדיג פיעל אָרימע לייט און ער האָט זיי געגעבען וויפיעל זיי האָבען געוואָלט אַמאָהל איז צו איהם געקומען אַ אָרימאַן וואס האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם געבין אויף אַ מלבוש האָט ער געגעבין אַ שענערי נדבה האָט ער זיך מיט איהם נאָך געדינגען אז עס וועט ניט גענוג זיין האָט ער איהם דערלייגט און ווי די אָרימע לייט זענין מקנא איינער דעם צווייטען האָבען זיי אויף אָנגעהויבען צו שרייען ער זאָל זיי דער לייגען איז ער אריין געגאנגען אין שטיב אריין ארויס בעמין נאָך געלד פאַר זייערט וועגען האָט ער גיזעהן אַז דער קאַסטען איז צוריק פיהל אַזוי ווי פריהער האָט ער זיך זייער געפרייט און האָט אַרויס בענימען פיהל געלד און האָט זיי יעדען איינעם דערלייגט. דער ווייל האָט ביי איהם און שטיב געוואַרט אַ פריץ וואָס האָט געוואָלט מיט איהם מאַכען אַ מסחר. ווי ער האָט זיך אָב געפּאָרעט מיט די אָרימע לייט איז ער אַריין געגאַנגען צום פריץ האָט איהם דער פריץ געזאָגט איך זעה אַז די ביסט אַ גרויסער עושר און אַ גרויסער בעל צדקה נאָר קיין מסחר קען מען מיט דיר נישט מאַכען דען [illegible] וואַרט שוין אויף דיר מעהר ווי דריי שעה און די [illegible]ט פערנימען מיט די אָרימע לייט. איז אַזוי רעכט אַז איך זאָל וואַרטען ביז די וועסט דיך אָב פּאָרען מיט די אָרימע לייט:

האָט זיך דער עושר זייער געשעמט. און האָט איהם צו געזאָגט אַז מעהר וועט דאָס נישט פּאָהרקומען און ער האָט מיט איהם געשלאָסען אַ מסחר און ווי דער פריץ איז אַ וועק געגאַנגען איז ער אַריין געקומען און שטיב שטארק ביין פרעגט איהם דאָס ווייב וואָס ער איז אַזוי אויפגערעגט האָט ער איהר דערציילט ווי דער פריץ האָט איהם אַ פער געהאַלטען אַז ער האָט אויף איהם בעדאָרפען וואַרטען דריי שעה. אין די ווייסט דאָך אַז עס קומען צו אונז אַלע טאָג אָרימע לייט ווייס איך גאָר נישט וואָס פאַר עצה איך קען מיר געבין מיט די אָרימע לייט. האָט זי איהם געזאָגט ער זאָל זיך מאַכען אַ ביורא וואָס ער זאָל דאָרט זיצען אַ גאנצע טאָג און די אַלע פריצים וועלען דאָרט אהין קומען. און זי וועט געבין צדקה. האָט ער זי בעפאָלגט און האָט זיך אויפגעבויט אַ ביורא וואס ער איז דאָרט געזעסען אַ גאַנצע טאָג און ער איז נאָר אַ היים געקומען עסין און די אָרעמי לייט

נואט

וואָס זענען צו איהם געקומען נאָך נדבות האָט זיין ווייב זיי געגעבען נאָר זי האָט זיי שוין נישט אַזוי פיעל געגעבען ווי ער אַליין:

**און** ווי די אָרימע לייט האָבען געזעהן אַז זי גיט שוין ניט אַ זעלכע נדבות ווי דער עושר איהר מאַן פלעגט זיי צו געבען האָבען זיי זי געפרעגט ווי דער מאַן איז האָט זי זיי געזאָגט ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ ביוראָ וואָס ער זיצט דאָרט אַ גאַנצע טאָג און האַנדעלט ווייל דאָ האָט איהר איהם געשטערט צום האַנדעל. האָבען די אָרימע לייט געזאָגט אַז זיי ווילען דער עושר אַליין זאָל זיי קומען און טיילען נדבות אַזוי ווי פריהער און זיי ווילען איהם שוין ניט אַזוי דערקוטשען איז זי שטאַרק בייז געוואָרען אויף זיי און האָט געזאָגט דעם משרת ער זאָל זיי אַרויס טרייבען האָט דער משרת זיי אַרויס געטריבען און זי האָט זיי גאָר ניט געגעבען האָבען די אָרימע לייט זייער געשריגען און זייער קול איז אַרויף געגאַנגען און הימעל אַריין. און ווי איהר מאַן איז געקומען עסען האָט זי איהם געזאָגט איך קען שוין ניט אויס האַלטען פון די שנאָרעס וואָס בעלעגערען מיך אַלע טאָג און לאָזען מיך אפילו אַ שטיקעל ברויט ניט עסען במנוחה. אַלזאָ זאָלסטו גיין צו שעף פאָליציי און זאָלסט איהם בעטען ער זאָל דיר געבען צוויי פאָליציאַנטען און זיי זאָלען שטיין ביי דער טיהר און זאָלען ניט אַריין לאָזען קיין אָרימע לייט צו איהם. האָט ער אַזוי געטוהן און פון דאַמאָלס איז שוין קיין אָרימאַן צו איהם ניט געקומען און אַזוי האָט ער עובר געוועזען אויף דעם גאַנצען תנאי וואָס אליהו הנביא האָט מיט איהם אויסגענומען:

**יעצט** ווייטער דער למדן אַזוי ווי ער איז אַהיים געקומען האָט ער אַריין געלייגט דאָס ספר און שאַנק איז געוואָרען פיהל מיט ספרים און ער האָט פערקויפט ביז ער איז געוואָרען אַ גרויסער עושר און האָט זיך אויפגעשטעלט אַ הויז און אַ בעזונדער חדר צום לערנען אָבער ער האָט אויך ניט געהאַלטען דעם תנאי וואָס ער האָט צו געזאָגט אליהו הנביא. און ער האָט ניט געלערענט און אַז אַ אָרימאַן איז צו איהם אַריין געקומען האָט ער איהם גאָר ניט געוואָלט געבען:

**יעצט** ווייטער דער ירא שמים אַזוי ווי ער איז אַהיים געקומען האָט דאָס ווייב זיינס די מרשעת איהם ניט געוואָלט אַריין לאָזען און האָט פאַרמאַכט די טירען איז ער אַריין געגאַנגען צו איין שכן און האָט איהם געבעטען ער זאָל איהר זאָגען אַז ער וויל נאָר אויף אַ ווייל אַריין גיין האָט זי איהם אַריין געלאָזט און ער האָט אויף געהאָנגען דאָס פינגעריל. און ווי ער האָט אויף געהאָנגען דאָס פינגעריל איז זי איבער געענדערט

גיוואָרען

גיוואָרען און האָט איהם זייער גוט אויפגענומען און זיי האָבען געלעבט בשלום אַזוי ווי אַלע מענשען און האָבען אויך געטוהן פיהל צדקה און גמילת חסדים:

אַמאָהל איז אליהו הנביא געקומען און דער שטאָדט אַריין און ער איז צום ערשטען גיגאַנגען צום עושר וואָס ער האָט איהם גיגעבען די מטבע האָט ער גיזעהן די וואַך וואָס שטייט ביי איהם ניט אַריין צו לאָזען קיין אָרימע לייט איז ער צו איהם אַריין גיגאַנגען און געזאָגט צו איהם אויף דעם תנאי האָב איך דיר גיגעבען די מטבע גיב זי מיר צוריק. האָט דער עושר אָהנגעהויבען צו וויינען און בעטין אליהו'ן ער זאָל ביי איהם ניט צו נעמען די מטבע אָבער אליהו האָט איהם געזאָגט איך האָב מיך מרחם גיוועזין אויף דיר און דיר אַרויס געהאָלפען פון דיין נויט און די האָסט דיך איבער די אָרימע לייט ניט געוואָלט מרחם זיין מיז איך ביי דיר די מטבע אָב נעמען:

און ווי אליהו האָט נאָר זיין מטבע צו גענומען איז דער קאַסטין געבליבען ליידיג און דער עושר איז געוואָרען אַ אָרימאַן אַזוי ווי פריהער. דער נאָך איז ער געגאַנגען צום למדן וואָס ער האָט איהם געגעבען דאָס ספר האָט ער געזעהן אז ער און זיין בני בית עסען און טרינקען און די אָרימע לייט טרייבט מען אַרויס פון זיין שטיב און ער לערענט ניט האָט ער איהם געזאָגט אויף דעם אופן האָב איך דיר נישט גיגעבען דאָס ספר גיב עס מיר צוריק האָט ער עס איהם צוריק געגעבען און ווי אליהו איז אַ וועק געגאַנגען איז די שאַנק אויסגעליידעגט גיוואָרען און אויך דאָס געלט וואָס ער האָט געהאַט האָט ער פאַרלוירען און ער איז געוואָרען אַ אָרימאַן צוריק אַזוי ווי פריער דער נאָך איז ער געגאַנגען צום ירא שמים וואָס ער האָט געהאַט אַ שלעכט ווייב איז ער נישט גיוועזען און דער היים. נאָר זיין ווייב. און ווי ער איז אַריין געקומען האָט זי איהם זייער שעהן אויף גענומען און איהם גיגעבען צו עסען וואָרען זי איז געוועזען אַ מכנסת אורחים און פלעגט זיי שעהן אויפנעמען אלע אורחים וואָס זענין דאָרט צו זיי געקומען און שטיב אריין. און דער ווייל איז איהר מאַן אריין געקומין האָט ער תיכף דערקענט אליהו'ן און האָט איהם שטארק מכבד געוועזן האָט אליהו גיזאָגט צום ירא שמים איך בין גיוועזען ביי דעם עושר און ביי דעם למדן און איך האָב געזעהן דאָס זיי האבען נישט געהאלטען זייער וואָרט וואָס זיי האָבען מיר צו געזאָגט האָב איך ביי זיי צו גענומען די מטבע מיט דעם ספר און די זעה איך אז די ביסט יאָה א ירא שמים גיב איך

איך דיר די מטבע מיט דעם ספר און די וועסט ווערן א גרויסער עושר און די זאלסט אויף בויען א בית המדרש און דארט זאלען זיצען צעהן מענשען יומם ולילה און לערנען און די זאלסט זײ מפרנס זײן און אויך זאלסטו געבען צדקה ארימע לײט וועסטו זוכה זײן דײנע קינדער מגדל צו זײן. און אליהו איז אוועק געגאנגען און דער ירא שמים איז נתעשר געווארען און האט געפאלגט וואס אליהו האט איהם אנגעזאגט און ער האט זײער גוט אויסגעפיהרט זײן לעבין. זכות פון אליהו זאל בײ שטעהן אלע יודען אמן

# א ווינדערליכע מעשה פון בעש"ט.

אמאהל איז געקומען א אשה צום בעש"ט וואס זי האט ניט געהאט קײן קינדער ר"ל און האט שטארק געוויינט אז דער בע"ש זאל פאר איהר מהפלל זײן זי זאל האבען קינדער. האט איהר דער בעש"ט צו גיזאגט אז זי וועט דאס יאהר געהאלפען ווערען מיט א בן זכר. און זי איז א היים געפאהרען און האט געהאט א בן זכר זײער א שײן קונד. א זעלטונהײט פון דער וועלט און ווי דאס קינד איז אלט גיווארען צווײ יאהר און זי האט עס גידארפען אנטווײנען איז זי דער מיט אריבער גיפאהרען צום בעש"ט ער זאל עס בענטשין. און ווי זי איז געקומען צום בעש"ט מיט דעם קינד האט דער בעש"ט געהײסען נעמען פון איהר דאס קינד און צו איהם ארײן ברענגען. ווי מען האט עס צו איהם ארײן גיברענגט האט ער דאס קינד אהנגעהויבען שטארק צו קושען. און האט עס געהײסען צוריק געבין דער מוטער און זי איז דער מיט א היים גיפאהרען זײער פרײליך. ווי די מוטער איז א היים געקומען איז פליצלונג דאס קינד געשטארבען האט זי זײער שטארק געווײנט. און איז געפאהרען צום בעש"ט און האט געווײנט און געשריגען וואס האט איהר פון מיר גיוואלט וואס איהר האט גיהרגית מײן קינד. האט דער בעש"ט געזאגט אז זי זאל אויפהערין צו ווײנען וועט ער איהר דערצײלען די גאנצע מעשה פון דעם קינד. האט דער בעש"ט אהן גיהויבען צו דערצײלען:

עס איז אמאהל געוועזען א גרויסער קיסר ער איז פרײנדליך געוועזע צו

יודען. און ער האט געהאט א יודישען יועץ וואס ער פלעגט זיך מיט איהם מתייעץ זיין און אלע ענינים אפילו די גרעסטע מלוכה זאכען און וואס דער יועץ האט איהם געזאגט אזוי האט ער געטוהן. איינמאהל איז דער מלך געזעסען מיט דעם יועץ אליין און קיינער פון די שרי מלוכה איז נישט געזעסען מיט זיי האט דער מלך געזאגט צום יועץ די ווייסט דאך אז איך האב דיך ליבער פון אלע שרי מלוכה. און אין אלע זאכען פרעג איך דיך עצות און ווי די זאגסט אזוי טוה איך. גיב מיר א עצה צו דעם וואס איך האב נישט קיין קינדער האט איהם דעם יועץ געזאגט צו דעם קען קיינער נישט העלפען נאר די יודען. האט זיך קיסר זייער געפריידט און האט געזאגט אויב איז אמת ווי די זאגסט וועל איך זיי בעפרייען פון פרוזיזו. האט דער יועץ געזאגט אויב די וועסט זיי בעפרייען פון פרוזיזו וועסט די קיין קינדער ניט האבען. נאר די זאלסט בעפעלען די יודען אז זיי זאלען בעטען צו השי"ת אז די זאלסט האבען א זאהן און ווי באלד די וועסט צום יאהר קיין זאהן נישט האבען זאל זיך נישט געפינען קיין שום יוד און זיין מדינה. און עס וועט ניט העלפען קיין שום געלד. וועסטו זעהן אז די וועסט דאס יאהר האבען א זאהן. דער קיסר האט אזוי געטוהן און האט צו געשיקט און יעדער שטאדט צו די יודען אז זיי זאלען בעטען אז דער קיסר זאל האבען דאס יאהר א זאהן און ווי באלד נישט זאלען זיי זיך נישט געפינען און זיין מדינה ווי מען פערשטייט איז געווארען א גרויסער רעש אין דער מדינה און די יודען האבען אהנגעהויבען צו פאסטען און זאגען תהלים אז השי"ת זאל זיך איבער זיי מרחם זיין און זאל געבין דעם קיסר א זאהן:

און זייער תפלה איז גיהערט גיווארען און עס איז געקומען א היילגע נשמה וואס זי איז שוין גיוועזען א סאך יאהרען און גן עדן און האט גיזאגט אז זי האט שטארק מיטלייד מיט די יודען פון דער שטאדט. און זי וועט גיין זיין א זוהן ביי דעם קיסר איז אזוי גיוועזען. דער קיסר האט דאס יאהר געבאהרען א זוהן זייער א שיינעם. און דער קיסר האט שטארק געדאנקט די יודען. און האט זיי געטוהן פיהל טובות. און ווי דאס קינד איז אלט גיווארען צוויי יאהר האט מען עס אנטוויינט. און אהנגעהויבען דער מיט צו צו לערנין ווייל ער האט געהאט א גיטען קאפף און ער האט שוין ארויס גיוויזען גרויסע פעהיגקייטען. און יעדען זאך וואס מען האט מיט איהם איינמאהל גילערינט האט ער זי איבערגענומען און האט זי נאך פאר שטאנען בעסער ווי זיין לערער אזוי ווי עס פאסט פאר אזא גרויסע נשמה. איינמאהל

האט

האט דאס קינד געזאגט צום קיסר איך האב גאר ניט קיין הנאה פון די אלע לערעס וואס מען לערינט מיט מיר. איך וואלט געוואלט עפיס לערנען איך זאל דערפין א הנאה האבען. האט דער קיסר איהם געזאגט אויב אזוי בעטין דעם פויפס ער זאל מיט דיר לערנען פון זיין לערנען וועסטו געוויס הנאה האבען. האט דער קיסר געשיקט נאך דעם פויפס און האט איהם געזאגט איך בין אויף דיר גוזר אז די זאלסט לערנען מיט מיין זוהן. האט דער פויפס איהם געזאגט איך מוז דאך פאלגען דעם קייזערליכען בעפעהל באר איך נעם מיך אויס א תנאי אזוי ווי עס איז דא צוויי שעה און טאג וואס איך גיי און הימעל ארויין און דאמאלס טאר קיינער צו מיר ניט אריין קומען זאלסטו דיין זוהן אהנזאגען אז ער זאל דאמאלס אויך ניט אריינקומען. דער מלך האט איהם דאס צו געזאגט און האט זיין זוהן פערבאטען און די צוויי שעה אריין צו גיין צום פויפס. דער פויפס האט אהנגעהויבען לערנין מיט דעם קינד און אין א קליינע צייט איז ער שוין גיוועזן קלאהר און די אלע ביכער מעהר ווי דער פויפס אליין ווארען ער האט געהאט א גיטען קאפף. און דער קיסר זיין פאטער האט זיך און איהם ניט געקאנט בעגיין מעהר ווי צוויי שעה אז ער זאל איהם ניט זעהן:

איינמאהל האט זיך דער בן מלך גיטראכט איך בין דאך און אלע ביכער מעהר ווי דער פויפס זעלבסט און מיין פאטער דער קיסר קען זיך אהן מיר א שעה ניט בעגיין ער זאל מיך ניט זעהן. פאר וואס זאל איך ניט וויסען וואס דער פויפס טוהט און די צוויי שעה. האט ער זיך גימאכט נאך שליסלען און איז אריין גיגאנגען צום פויפס און די צוויי שעה. ווי ער איז אריין געקומען האט ער געטראפען דעם פויפס זיצען און טלית און תפילין און לערנין גמרא מיט תוספות. און ווי ער האט דערזעהן אז עס איז א מענש אריין געקומען איז ער גיווארען דער שראקען און האט אהנגעהויבען צו חלשין דען ער האט מורא גיהאט אז מען וועט גיוואהר ווערין אז ער איז א יוד. האט דער בן מלך איהם דערמינטערט. און האט איהם צו געזאגט אז ער וועט קיינעם ניט אויס זאגען. און דער פויפס האט איהם גיזאגט די זאלסט וויסען אז דאס יודישע לערנען איז בעסער פון די אלע לעהרעס וואס די האסט ביז א הער גילערינט. און ער האט אהנגיהויבין מיט איהם צו לערנען יודיש ביז ער האט שוין גילערינט מיט איהם גמרא מיט תוספות מיט אלע מפורשים. דען ער האט אלעס שנעל איבער גענומען בפרט די יודישע לימודים אזוי ווי ער איז דערצו געוואהנט גיוועזן פון זיין היליגע נשמה:

דער

דער נאך האט ער גיפרעגט דעם פויפס איך זעה דאך יעצט אז אלע פריהריגע לעהרים זענין גאר נישט א קעגין דעם יודישען און אויב די אלע גלויבינישען זענין נארהייט אויסער דעם יודישער פאר וואס נארסטו אב די וועלט אז זאלען געהן און שלעכטע וועגין. האט ער איהם געזאגט די וועלט ארויס צו פיהרען פון זייער נארישקייט דאס קען קיין מענש נישט ביז משיח וועט קומען האט ער איהם געפרעגט פאר וואס ער אליין פיהרט זיך אזוי און ער נארט אב די וועלט זיי זאלען מיינען אז ער איז א גייסטליכער פון אזוי א אמונה וואס ער האלט גאר נישט פון איהר. האט ער איהם געזאגט ווייל ער איז שוין פון אלע זיינע יאהרען אזוי און פריהער איז ער געוועזען גענייט דערצו ווייל קיין יודען האבען און דער מדינה נישט געטארט וואהנען קען ער שוין היינט נישט אנדערש ווערען האט דער בן מלך געזאגט גיב מיר א עצה ווי אזוי איך זאל מיך קענין מגייר זיין ווארין מיר געפעלט שטארק די יודישע אמונה און איך וויל זיין א יוד און די ווייסט דאך אז מיין פאטער דער קיסר קען זיך אהן מיר נישט בעגיין. האט איהם דער פויפס געזאגט ערשטינס מוזטו דיר צו גרייטען א סאך געלד. און די זאלסט זאגען דיין פאטער אזוי ווי דיין פערלאנג צו האבען קינדער איז דאך געוועזען אוודאי אז זיי זאלען נאך דיר איבער נעמען די מלוכה. און די ביסט שוין א אלטער מאן און איך בין נאך נישט געוועזען און ערגיץ אויסער דער רעזידענץ שטאדט ווי אזוי וועל איך קענען איבער נעמען די מלוכה אלזא מוז איך ארויס פאהרען און דער מדינה ארין און מיך בעקאנען מיט די אלע מענשען וואס געפינען זיך און דיין מדינה. נאר אזוי ווי איך ווייס דאך אז די קענסט דיך נישט בעגיין אהן מיר אפילו א קליינע צייט אלזא מוזען מיך זיך צו גיוואינען ביסלעך ווייז נישט צו זעהן איינער דעם צווייטען ביז מיר וועלין שוין קענין זיין איינער אהן דעם צווייטען א גאנצען מאנאט וועל איך קענין פאהרען זעהן די מדינה. דער בן מלך האט אזוי געזאגט צו זיין פאטער. איז איהם די זאך געפעלין און זיי האבען זיך ביסלעכוויז צו געוואינט נישט צו זעהן איינער דעם צווייטען א גאנצען חודש. האט דער בן מלך זיך אב געזעגענט מיט זיינע עלטערין און איז אוועק געפאהרען ביז ער איז געקומען צו דער גרעניץ פון דען מדינה האט ער געזאגט צום בעל העגלה ער זאל צוריק א היים פאהרען דען ער וויל דא זיין א לאנגע צייט.

דער בעל עגלה איז צוריק א היים געפאהרען. און ער איז אריבער געגאנגען צו א שניידער און האט זיך געהייסען מאכען אנדערע מלבושים כדי

מען

מיזן זאָל איהם ניט דערקענין אז ער איז דער בן מלך. און האָט זיך אריבער ביהאפט די גרעניץ און האָט זיך מגייר גיוועזען און איז אריין געגאנגען און א בית מדרש אריין און האָט זיך גיזעצט לערנין און פון דעם געלד וואָס ער האָט מיט גענומען האָט ער געהאט צו לעבין בכבוד ביי זיין גאנצין לעבין. דער נאָך ווי ער איז נפטר גיוואָרען און איז געקומען צום בית דין של מעלה אָב געבין דין וחשבון וואָס ער האָט געטיהן ביי זיין לעבען. און דאָרט איז דאָך דאָ א זעלכע וואָס זענין שטענדיג מלמד זכות און פערקערט וואָס זענין מלמד חוב. נאָר ווער קען זיך אינטער שטעלין מלמד חוב צו זיין אויף אזא נשמה וואָס האָט אזוי ביהל מסירת נפש פאַר יודען און איז ארויס גיגאַנגען פון גן עדן כדי מציל צו זיין די יודען פון דער צרה וואָס זיי זענין דעמאָלט גיוועזען. פונדעסט וועגין איז געקומען א מקטרג און האָט גיזאָגט ער האָט דאָך גיזייגט צוויי יאָהר ביי איין גוי. און אזוי ווי און הימעל איז מען קיינעם ניט נושא פנים האָט דאָס בית דין של מעלה גיפסקינט אז די נשמה מוז נאָך אמאָהל זיין אויף דער וועלט און זייגען ביי איין יודיש קינד צוויי יאָהר. און דאָס האָט דער בעש"ט גיזאָגט צו דער אשה ביסט פונקט דאמאָלס געקומען צו מיר און האָסט גיוויינט אז די ווילסט האָבען קינדער האָב איך גיבעטען אז די נשמה זאָל ביי דיר גיבאָרין ווערין. נו וואָס האָב איך דיר שלעכטץ געטוהן אז די זאָלסט זייגען אזא נשמה וואָס האָט זיך מוסר נפש גיוועזען פאַר יודענס וועגין. דער זכות פונם הייליגין בעש"ט זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען אמן:

# א וואונדערליכע מעשה פון בעש"ט.

און די ערשטע צייטען ווען דער בעש"ט איז נאָך נישט אזוי בעוויסט גיוועזען אויף דער וועלט איז געוועזען א אשה פון אדאָרף לעבען מעזיבעז וואָס זי פ'עגט ברענגען צום בעל שם טוב פיטער קעז און פלייש און פיש און אנדערע זאכען און זי האָט דעם בעש"ט מיט זיין בני בית פשוט מחיי געוועזען איינמאָהל איז זי דורך געפאָהרען דורך א טייך און זי איז ר"ל. דערטרינקען גיוואָרען האָט דער בעש"ט דערפון געהאט גרויס צער. און ער האָט גוזר געוועזען אז עס זאָל שוין דאָרט קיינמאָהל קיין טייך נישט

ניִשט זײַן. איִז דער מלאך וואָס איִז געוועזען ממונה אויף דעם טײַך געקומען פאַר דעם בית דין של מעלה און האָט געמאָנט דעם בעש״ט פאַר וואָס ער האָט בײַ איִהם צו גענומען זײַן דינסט וואָס ער האָט דער מוט געדינט השי״ת. איז אַרויס געגאַנגען אַ פסק פון בית דין של מעלה אז עס זאָל נאָך אַמאָהל אויף א קלײנע צײַט זײַן דאָרט א טײַך. און דעם בעש״ט קינדער זאָלען דאָרט אַ דורך פאָהרען און אויב זײ וועלען דאָרט דערטרינקען ווערין טאָר זײ קײנער ניִשט ראַטעווין אויב דער בעש״ט אַלײן וועט זײ געהן ראַטעווין וועט ער מעגין. נאָך דעם ווי דער בעש״ט זכרונו לברכה איז נפטר געוואָרען און אַ צײַט אַ רום איז אײנער פון זײַנע קינדער גיפאָהרען מיִט נאָך מענשען האָבען זײ בײַ נאַכט געבלאָנזעט און וועג און זענין אָהן געקומען צו אַ קלײן טײַכיל וואָס עס איז זײ ניִשט בעקאַנט געוועזען זענין זײ אַ רײַן געפאָהרען מיִט דער פיִהר אַרובער צו פאָהרען דען עס האָט זיך זײ אויס גיוויזען אַז עס איז אַ קלײן טײַכעל אָבער ווי זײ זענין אַרײַן גיפאָהרען האָבען זײ אָנגעהויבען צו טרינקען דער ווײַל האָבען זײ דער זעהן און אַ זײַט טײַך געהט אַריבער אַ מענש מיִט אַ לעכט. זענען זײ נאָך גיפאָרען דעם לעכט. און השי״ת האָט זײ מציל גיוועזען און די שײַן פון דעם לעכט איז אַזוי געגאַנגען, און זײ זענין עס נאָך געגאַנגען ביז זײ זענין צו געקומען צו אַ ישוב און אַ דאָרף ארײַן. האָבען זײ דאָרט גינעכטיגט איז דער בעש״ט ז״ל געקומען צו זײַן זאָהן צום חלום און האָט איִהם דערצײלט די זאָלסט וויסען אז דער מענש מיִט דעם לעכט בין איך געוועזען מען האָט מיִר געזאָגט אז עס טאָר קײנער אײַך ניִשט ראַטעווין נאָך איך אַלײן און האָט איִהם דערצעהלט די מעשה מיִט דעם שר פון דעם טײַך דער פון קען מען זעהן ווי גרויס דער כח פון די צדיקים איז. זײער זכות זאָל אונז בײַ שטעהן מיִר זאָלען געהאָלפען ווערין מיִט אַלעם גוטען אמן:

# אַ וואונדערליכע מעשה פון בעש״ט.

דער בעש״ט האָט געהאַט אײן חסיד אַ גרויסען גביר און אויך אַ ירא שמים און ער האָט ניִט געהאַט מעהר ווי אײן קינד. אײנמאָהל איז דער גביר געקומען צום בעש״ט און האָט איִהם גיבעטען ער זאָל האַלטען

בײַ

ביי זיך זיין איינציגען זוהן דריי יאהר כדי ער זאל זיך איינגיוואוינען מיט גוטע מדות און ער האט דערפאר איבער געלאזט דעם בעש"ט א סאך געלד נאר ער האט אויך גיבעטען אז ווען דער בעש"ט וועט ערגיץ פאהרען זאל ער זיין זוהן אויך מיט נעמען. האט זיך פונקט געמאכט דאס דורך די גאנצע דריי יאהר איז דער בעש"ט און ערגיץ ניט געפאהרען, די לעצטע וואך וואס ער האט שוין גירעכינט א היים צו פאהרען שבת צו נאכטס נאך הבדלה האט דער בעש"ט זכ"ונו לברכה געהייסען איינשפאנען די פערד און וואגען און האט אויך געהייסען דעם גביר'ס יונגעל אויפזיצען און זיי זענען אוועק גיפאהרען. און מיטען דער נאכט זענען זיי א דורך געפאהרען דורך א קרעטשמע האט דער בעש"ט זיך געהייסען שטעלין. און זיי זענען אריין געגאנגען צום קרעטשמער און האבען איהם גיפרעגט צו ער קאן זיי אב געבין א בעזונדער חדר פאר'ן בעש"ט וועגין. אבער עס איז גיוועזן אזא ווייט ארט דאס כען האט דארט גאר ניט געהאט גיהערט פון בעש"ט. האבען זיי איהם געזאגט אז ער איז א גרויסער למדן און א צדיק האט ער אב גיגעבען פאר'ן בעש"ט וועגין א בעזונדער חדר און די חסידים זענען גיוועזען און דער קרעטשמער האט זיך דעם גביר'ס יונגעל אנידער גיזעצט ביי איין טיש און האט שטילער הייט אהנגעהויבען צו זינגען א שיינעם ניגון האט איין גוי גיהערט דאס יונגעל זינגען און עס איז איהם גיפעלין. האט ער געזאגט צום קרעטשמער ווי באלד דאס יונגעל וועט זינגען וועל איך קויפען פאר אלע גוים וואס זענין דאה בראנפען. איז דער קרעטשמער צו געגאנגען צום יונגעל און האט איהם גיבעטען אז ער זאל זינגען און עס וועט דאך איהם גאר נישט שאטען און ער וועט דער פון האבען א גרויסע טובה דאס דער גוי וועט קויפען בראנפען פאר אלע גוים וואס זענין און קרעטשמע וועט ער דער פון פערדינען האט דאס יונגעל געזאגט אויב מיין אלטער וועט מיך הייסען וועל איך זינגען. איז דער קרעטשמער א ריין גיגאנגען צום בעש"ט און האט איהם גיבעטען ער זאל הייסען דאס יונגעל זינגען. האט איהם דער בעש"ט גיהייסען זינגען איז גיגאנגען דער קרעטשמער און האט דאס יונגעל ארויף גישטעלט אויף א טיש ער זאל זינגען. האט דער גוי גיפרעגט דאס יונגעל ווי אזוי ער הייסט האט ער געזאגט מאשקע. און ער האט אהנגעהויבען צו זינגען א שיינעם ניגון און דער גוי האט גיטאנצט און האט גישריגען טי מאשקע א יא יוואן. און האט געקויפט א סאך בראנפען און האט אזוי גיטאנצט א שעה צייט און געשריגען טי מאשקע א יא יוואן. און דער נאך האט דער בעש"ט געהייסען איינשפאנען פערד און וואגען און א היים פאהרען.

דאס

דאָס יונגעל איז אַ היים געפאָהרען און ער איז עלטער געוואָרען האָט ער חתונה געהאַט און האָט זיך גאָר ניט גענומען און זינען אַריין די מעשה מיט דער קרעטשמי :

אמאהל איז ער געפאָהרען און וועג אַריין נאָך סחורה. האָבען איהם געטראָפען גזלנים און האָבען צו גערויבט זיין גאַנץ פערמעגין : און האָבען איהם נאָך געוואָלט הרגינען. האָט ער זיי אָהנגעהויבען צו בעטין זיי זאָלען איהם לאָזען לעבין האָבען זיי געזאָגט זיי וועלין איהם פיהרען צום עלצטען אויב ער וועט איהם הייסען לאָזען לעבען וועלין זיי איהם לאָזען לעבין. און זיי האָבען איהם געפיהרט צו זייער עלצטען. ווי דער עלצטער האָט איהם דערזעהן האָט ער איהם דערקענט און האָט איהם געפרעגט ווי אַזוי ער הייסט. האָט ער געזאָגט דאָס ער הייסט מאָשקע. האָט ער איהם געפרעגט די קאָנסט מיך. זאָגט ער ניין. פרעגט איהם ווידער דער גזלן די געדענקסט ווען די ביסט קליין געוועזען ביסטו מיט נאָך אַ חברה און אַ רביין דאָ געוועזען און די האָסט געזינגען. האָט ער זיך דערמאַנט און געזאָגט יאָ איך האָב געזינגען און די האָסט געטאַנצט און געשריגען טי מאָשקע אַ יאַ יוואַן. און הערשט דער קען איך דיך. האָט דער גזלן געזאָגט אַז די האָסט געהאַט הצלחה דאָס מיינע לייט די גזלנים האָבען דיך ניט געהרגיט נאָר האָבען דיך געבראַכט צו מיר וועסטו שוין קיין היזק ניט האָבען אין האָט איהם געהייסען אָב געבין דאָס גאַנצע געלד און האָט איהם נאָך צו געגעבען אַ שיינע מתנה און האָט געזאָגט צו די גזלנים איך הייס אייך שוין פיהרען דעם מענטש אויף זיין וועג און קיין האָהר זאָל איהם ניט אויסגעגרומט ווערען. און איהר זאָלט אייך ניט איינשטעלען מיך אָב צו נאַרען. דען איך וועל אַלעס געוואָהר ווערען. האָבען זיי איהם צו געפיהרט צום וועג און ער איז אַ היים געקומען לשלום. און דאָס [illegible] האָט דער בעש״ט נאָך דאַמאָלט געוויסט זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין אמן :

## אַ וואונדערליכע מעשה פון בעל שם טוב.

דער בעש״ט זכרונו לברכה האָט געהערט אַז און די מערב לענדער איז מען שטאַרק מקיים די מצוה הכנסת אורחים האָט ער בעשלאָסען אָהין

אהין צו פאָהרען, דער בעש״ט איז גיפאָהרען גאָהנט צו סוכות צייט. איז איהם אויסגעקומען צו זיין ערב סוכות און אַ דאָרף נישט ווייט פון אַ שטאָדט און דעם דאָרף האָט געוואָהנט אַ יוד וואָס האָט געהאַט אַ גאַפט גיוועלב. ווי דער יוד האָט געזעהן ערב יום טוב פרעמדע מענשען פאָהרען אַ דורך. דען מען האָט זיי דערקענט אַז זיי זענען פון אַ פרעמדע מדינה. איז ער צו געלאָפען צום וואָגען און ער האָט זיי געבעטען זיי זאָלען ביי איהם פערבלייבען אויף יום טוב און עס וועט זיי ביי איהם גאר ניט פעהלין פיש און פליישׁ און וויין האָט דער בעש״ט נישט גיוואָלט ער האָט געוואָלט בעסער פאָהרען אין שטאָדט אַריין ווי ער וועט האָבען אַ מקוה און אַ שוהל און אַ אתרוג. האָט זיי דער דאָרפסמאַן געזאָגט אויב איך געהט און דעם. איז ביי מיר אויך דאָה אַ מקוה און אַ שוהל און אַ אתרוג און אַ ספר תורה צו לייגען און אויב איהר וועט דווקא וועלין געהן און שטאָדט אַריין וועט איהר אויך קענען דען פון דאַנען איז נישט מעהר ווי אַ האלבער תחום שבת און שטאָדט אַריין. האָט איהם דער בעש״ט צוליעב געטוהן און ער איז פערבליבען אויף סוכות און דעם דאָרף. און דער בעל הבית דער דאָרפסמאַן האָט זיי זייער מכבד געוועזען און האָט פאַר זייערט וועגין אָהן געגרייט צו עסען און צו טרינקען אַ זעלכע טייערע זאַכען ווי ביי די גרעסטע נגודים. און דער פריה האָט דער בעש״ט געזאָגט אַז ער וויל געהן און שטאָדט אַריין דאווינען איז דעם דאָרפסמאן מיט זיי געגאנגען און שטאָדט אַריין דאווינען און ווי זיי זענען אַריין געקומען און שוהל איז דאָרט גיוועזען מענטשען וואָס האָבען שוין געקענט דעם בעש״ט און ווי מען האָט אָב געדאַווינט זענען זיי אַלע צו געקומען און האָבען נישט געלאָזט דעם בעל שם טוב צוריק געהן און דאָרף אַריין עסען און איינער פון זיי האָט געוואָלט אַז דער בעש״ט זאָל ביי איהם עסען. און ער איז געגאנגען צו אַ גרויסען גביר. און די גאַנצע שטאָדט איז געקומען צום בעל שם טוב׳ס טיש. נאָך יום טוב איז דער בעש״ט אַ רויס געגאנגען און דאָרף אריין אויף זיין ערשטער סטאנציע. און דער דאָרפסמאן האָט געמאכט פאר זיינעט וועגען א גרויסע סעודה און האָט אויך פארבעטין אלע גרעסטע לייט פון שטאָדט און זיי האָבען זיך שטארק געפרייד וואס זיי האָבען זוכה געוועזין אז דער בעש״ט זאָל ביי זיי זיין און דער בעש״ט האָט דאָרט איבער גינעכטיגט אין דער פריא האָט דער בעש״ט שוין גיוואָלט אוועק פאָהרען האָט ער צו גערופען דעם בעל הבית דעם דאָרפסמאן און איהם גיפרעגט וואס פאר א ברכה ער וויל. האָט ער גיזאָגט גילויבט איז השי״ת דאָס האָב עשירות. אוו קינדער. נאָר איך וויל אַז

דער

דער רבי זאל מיר צו זאגען אז איך וועל האבען עולם הבא האט דער בעש״ט געזאגט אויב איהר ווילט אז איך זאל אייך צו זאגען אז איהר וועט זוכה זיין צו האבען עולם הבא מוזט איהר קומען צו מיר קיין מעזיביז. נאר וויל די נסיעה איז זייער א ווייטע און עס דארף קאסטען א סאך געלד זאלט איהר קויפען א טראנספאט גוטען וויין און מיט נעמען צו אונז דען ביי אונז איז וויין זייער טייער וועט איהר נאך מיט השי״ת הילף גוט פאר דינען. און דער בעש״ט איז זיך א וועק געפאהרען. דער דארפסמאן האט זיך פלייסיג גענומען צו צוגרייטען צו דער רייזע און האט געקויפט א סאך פעסער גוטען וויין און גערינגען בעלי העגלות זיי זאלען מיט איהם פאהרען קיין מעזיבעז צום בעש״ט. און ווי זיי זענען געפאהרען און וועג איז פלוצלינג געווארען א גרויסער שלאגס רעגען זענען זיי צו געפאהרען צו א קרעטשמע און ער האט געבעטין דעם קרעטשמער ער זאל איהם געבען א ארט אריין צו פאהרען מיט דעם וויין האט ער געוויזען ווייטער אביסעל אין דארף איז דא זיינע שאפעס זענען די בעלי עגלות דארט אריין געפאהרען און ער איז צוריק גיגאנגען און דער קרעטשמע אריין און האט דארט גינעכטיגט.

אין דער פריה האט ער זיך אויפגעהויבען און אב גידאווינט אין געגאנגען צו די בעלי עגלות און שאפע אריין זיי זאלען פאהרען ווייטער אבער ער האט ניט גיזעהן קיין שאפעס איז ער צוריק געגאנגען צו דער קרעטשמי אבער ער האט גאר ניט געטראפען און ווען ער האט גיפרעגט האבען זיי גיזאגט אז עס איז דא קיין שום קרעטשמע ניט גיוועזען קיינמאהל. איז ער געבליבען אהן געלד. האט ער געמוזט אהנהייבען צו בעטלען און ער האט זיך מתחבר גיוועזען מיט א חברה ארימע לייט און איז מיט זיי אזוי גיגאנגען ביז ער איז געקומען קיין מעזיבעז פריטיג. האט דער בעש״ט געזאגט צו זיין משמש עס איז יעצט אהנגעקומען א חברה ארימע לייט גיי זיך זיי אויף. און זאג זיי דאס זיי זאלען קומען צו מיר און זיי וועלין ביי מיר עסין שבת. איז דער שמש גיגאנגען און האט אזוי געטוהן און האט גערופען די ארימע לייט צום בעש״ט אויף שבת. און ווי זיי זענין געקומין צום טיש האט דער בעש״ט דעם סוחר פונם וויין געהייסען זעצין ביים טיש אויבען אהן. האבען זיך די חסידים זייער פערוואונדערט דען זיי האבען ניט געוואוסט ווער דער ארימאן איז. און דער בעש״ט פרעגט דעם סוחר די קענסט מיך זאגט ער איך ווייס אז איהר זענט דער בעל שם. האט דער בעש״ט גיפרעגט די. גידענקסט אז איך בין ביי דיר גיוועזען סוכות און די האסט גיוואלט איך זאל דיר צו זאגען אז די וועסט האבען עולם הבא. האט ער

זיך הערשט דערמאנט און געזאגט אז עס איז אמת האט איהם דער בעש״ט געזאגט די זאלסט ניט מיינען אז עולם הבא איז אזא גרינגע זאך. מען דארף ניט פערשווארצט ווערין זוכה צו זיין עולם הבא. און דורך די יסורין און עגמת נפש וואס די האסט געהאט און די האסט זיי אהנגענומען באהבה וועסטו זוכה זיין צו עולם הבא און זונטאג און דער פריה וועלען אהנקימען די וועגין מיטען ווייז און די וועסט גוט פערדינען. און מיט די יסורים וואס די האסט גיהאט איז דיר פערגעבין גיווארען און די וועסט זוכה זיין צו עולם הבא אזוי ווי די האסט פון מיר פערלאנגט. און דער בעש״ט האט זיינע תלמודים דערציילט דאס גוטע אויפפיהרונג פון דעם מענטש און פון אלע זיינע שטאדט לייט. און ווי זיי זענען נזהר און דער גרויסער מצוה פון הכנסת אורחים מיט דער גרעסטער אויפריכטיגקייט און האט זיי דער ביי אויפמארקזאם גימאכט אויפ׳ן מאמר וואס אינזערע חכמים האבען געזאגט אז די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער ווי קבלת פני שכינה. דער זכות פון הייליגען בעש״ט זאל אונז מגין זיין׳

# א ווינדערליכע מעשה פון בעל שם טוב.

דער בעש״ט האט געוואלט פאהרען קיין ארץ ישראל נאר פון הימעל האט מען דערצו נישט מסכים געווען איז ער פערבליבען און קאנסטאנטי־ נאפאל אויף פסח. און דארט האט איהם קיינער נישט געקענט און עס איז שוין געוועזען נאהנט צו פסח און ער האט גאר נישט געהאט אויף פסח. און זיין טאכטער וואס זי האט אויך געהאט מיט איהם מיט געפאהרען איז בעגאנגען צום טייך אויס וואשען די וועש אז ער זאל האבען האבען אריין העמד אויף יום טוב האט זי זיך איבער גערעכענט זייערע ביטערע לאגע און האט שטארק געוויינט פונקט איז אדורך געגאנגען א גרויסער עושר און האט זי געפרעגט וואס זי וויינט. האט זי געזאגט איך זאל אייך דערציילען דאס צדקות פון מיין פאטער וואלט איך גידארפען שטיין אגאנצע טאג און דערציילען. נאר איך ענטפער אייך אויף מיין געוויין ווייל עס איז שוין נאהנט צו פסח און מיר האבען ניט קיין פרוטה יום טוב צו מאכען. און ווי דער עושר האט געהערט פאר וואס זי וויינט. האט ער איהר געזאגט זארג נאר

ניט

נישט דען איהר ווערט ביי מיר האָבען צו עסען יו"ט. איך וואָהן און גרויסין מאַרק און האָט איהר געזאָגט אַ סימן זי זאָל וויסען און וועלכען הויז ער וואָהנט און האָט איהר געזאָגט אַז איהר פאָטער ווערט אַ היים קומען פון בית המדרש זאָל זי איהם זאָגען אַז דער עושר האָט פערלאַנגט אַז ער זאָל ביי איהם עסין יו"ט און זי ווערט אויך ביי איהם עסען איז זי תיכף גילאָפען און בית המדרש אַריין צו איהר פאָטער דער בעש"ט און איהם דערצעלט פון דעם גביר אַז ער האָט זיי פאַרבעטין אויף פסח איז דער בעש"ט זייער בשמחה גיוואָרען דער פון. און האָט געלויבט השי"ת פאַר זיינע חסדים וואָס ער האָט איהם נישט פאַרלאָזט:

און ווי עס איז געקומען ערב פסח איז דער גביר אַליין געקומען צום בעש"ט און בית המדרש אַריין און האָט איהם געזאָגט איך בעט אייך אַז איהר זאָלט ביי מיר עסין יו"ט און אויך אייער טאָכטער און ער איז נישט אַוועק גיגאַנגען ביז דער בעש"ט האָט געמוזט מיט איהם מיט גיין און ווי זיי זענען אַריין געקומען צום גביר האָט ער געהייסען דעם משרת. ער זאָל אַריין ברענגין לעקאַך און בראָנפען און האָט מכבד גיוועזען דעם בעש"ט. און דער בעש"ט האָט זיך דערמיט ממש מחיי גיוועזען דען ער האָט שוין אַ צייט געליטען גרויס דוחק. האָט דער בעש"ט גיבעטין דעם גביר ער זאָל איהם געבין אַ חדר אָב צו רוהען כדי ער זאָל זיין אויס רוהען צום סדר. האָט ער אים גיגעבען אַ בעזינדער חדר. נאָר ווי עס איז געקומען מנחה צייט און דער בעש"ט האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויפגיחאַפט איז דער גביר אַריין גיגאַנגען, איהם אויפוועקען ער זאָל דאַווינען מנחה. ווי ער איז אַריין געקומען האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקען. דען ער האָט גיזעהן ווי דער בעש"ט איז גילעגען און עס האָט גירינען טרערען פון זיינע אויגען אַזוי ווי אַ טייך און ער האָט גישריגען און געוויינט שטאַרק פון שלאָף. דער ווייל האָט ער זיך אויפגיחאַפט און געזאָגט עס איז שוין שפעט צו מנחה איך וועל מיר וואַשען די הענד איך וועל גלייך אָב דאַווינען כדי מיר זאָלען קאָנען גיין צום סדר פריה. און האָט געזאָגט צום בעל הבית „לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו". און האָט אויך גיזאָגט תורה אויף די שבחים וואָס מיר זאָגען צו השי"ת און נשמת, „המעורר ישנים והמקיץ נרדמים והמשיח אלמים והמפענח נעלמים". און האָט אויך גימאַכט אַ ברכה „ברוך מגלה נסתרות". נאָר דער גביר האָט ניט פערשטאַנען דעם בעש"ט תורה. און ווי ער האָט אָב געדאַווינט מנחה האָט ער גיזאָגט צום גביר, אי"ה נאָך דער הגדה וועל איך אייך דערציילען אַ שיינע מעשה וואָס

דאָ

דאָ איז גיוועזין. מען האט אָב געדאַוונט מעריב און מען האָט געגרייט דעם טיש צום סדר אַזוי ווי ביי אַ גרויסען גביר. און דער בעש"ט איז פון הרחבת הדעת גיוואָרען שטאַרק בהתלהבות אַז דעם עושר מיט דעם בני בית האָט זיך געדאַכט אַז עס זיצט דאָ גאָר ניט קיין מענש נאָר אַ מלאך. און זיי האָבען גימאַכט קידוש און אָהנגעהויבען זאָגען די הגדה און נאָך דעם ווי מען האָט געטרונקען דעם צווייטען כוס האָט דער גביר געזאָגט צום בעש"ט ער זאָל דערציילען די מעשה האָט ער געזאָגט אַז נאָך דער גאנצער הגדה וועט ער איהם דערציילען נאָכען בענטשין האָבען זיי ווייטער אָהנגעהויבין צו זאָגען די הגדה. און ווי זיי זענין צו געקומען צו „הודו לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו". און דער נאָך ביי נשמת צו „המפענח נעלמים". האָט ער יעדען וואָרט עטליכע מאָהל געזאָגט:

און דער בעל הבית דער גביר האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער זאָגט די פסוקים צו עטליכע מאָהל נאָר ער האָט געזעהן דאָס התלהבות פון בעש"ט האָט ער פשוט מורא געהאַט איהם איבער צו פרעגען און ווי זיי האָבין אָב געזאָגט די גאַנצע הגדה האָט דער בעש"ט געזאָגט צו דעם גביר געלויבט השי"ת דאס אונזערע טרויער איז פערקעהרט געוואָרען צו איין שמחה אַזוי ווי מיר האבען געזאגט און דער הגדה „שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקב"ה מצילינו מידם" אַז און יעדען דור איז פערהאַנען אַזלכי רשעים וואס זיי ווילען פערלענדען די יודען נאר השי"ת בעשירמט אונז פון זייערע הענד יעצט וועל איך אייך דערציילען די מעשה. דאָ און קאָנסטאַנטינאָפאָל איז געוועזען אַ סולטאַן און ער איז געוועזען זייער אַ גוטער און אויך צו יודען. און ער האָט געהאַט אַ יועץ אַ יוד משה וואָס ער האָט אָהן איהם קיין שום זאַך ניט געטיהן און דער מלך האָט מעהר נישט געהאַט ווי איין זאָהן וואָס ער האָט איהם זייער ליעב געהאַט זון ער האָט געזאָלט איבער נעמין די מלוכה נאָך איהם. האָט ער איהם געשיקט קיין פאַריז ער זאָל דאָרט שטאַדירען און זאָל לערנין ווי אַזוי אַ מלוכה צו פוהרען און אַזוי ווי דער שטייגער איז זענין אַלע שרים פון מלך גיוועזען ביין אויף דעם יוד משה דער יועץ פון מלך וויל דער מלך האָט איהם זייער שטאַרק ליעב געהאַט. נאָר כל זמן דער מלך האָט געלעבט האָבען זיי בעוויסט אַז זיי ווילין איהם גאָר נישט קענין טוהן. און אַ צייט אַרום איז דער מלך געשטאָרבען און דער מלך האָט געהאַט אַ אלטע מיטער. ווי זי האָט געזעהן אז איהר זאָהן דער מלך איז געשטאָרבען האָט זי תיכף געשיקט באָך איהר אייניקעל דעם מלך'ס זאָהן ער זאָל א היים קומען דען זיין טאַטער

איז

איז געשטארבען, איז דער בן מלך געקומען צו פאהרען און האט איבער גענומען די מלוכה:

און ווי די שרים האבען געזעהן אז דער מלך איז נאך א יונגערמאן האבען זיי געדערכינט אז ער וועט זיין א וודאי הארכין. און האבען אהנגעהויבין צו מסר'ן אויף דעם יועץ משה אז ער איז ניט געטריי דער מלוכה. אבער דער נייער מלך האט זיי אויף ניט געהארכט. דען ער האט זיך פערלאזט אויף זיין פאטער אויב ער האט איהם ליעב געהאט און געהאלטען פאר איין יועץ מסתמא איז ער א ערליכער מאן. נאר צווישען די שרים איז געוועזען איינער א גרויסער שונא ישראל. און בפרט דעם יועץ משה. איינמאהל פסח ביי נאכט האט דער יועץ משה גענומען רשות א היים צו גיין און פראוויען דעם סדר. האט דער שר וואס איז איהם געוועזען דער גרעסטער שונא. געזאגט צום מלך אזוי ווי דער מלך איז דאך הערשט ניט לאנג ארויף געגאנגען אויפען מלוכה טראהן איז גלייך די זאלסט אביסעל ארויס פאהרין אויף דער רעזידענץ שטאדט אז אלע זאלען דיך קענין און זאלען דיר אב געבין זייער ברכה. איז עס דעם מלך זייער געפעלין און דער מלך איז ארויס געפאהרען מיט דעם שר וואס ער האט איהם די זאך אהנגעשלאגען און זיי זענין אדורך געפאהרען דורך דעם יודישען קווארטאל האט דער שר געזאגט צום מלך זעה נאר ווי זיי הילטאיען און טרינקען גוטע וויינען און פרייען זיך און מאכען זיך גאר ניט פון דיר זיי זאלען ארויס גיין דיר אב געבין כבוד דען זיי פערלאזען זיך אלעס אויף דיין יועץ משה וואס די טוהסט גאר ניט אהן איהם און דער פאר האבען זיי פאר דיר גאר קיין מורא ניט האט עס דעם מלך אויף פערדראסען האט ער געזאגט צו דעם שר וואס זאגסטו זאל איך טוהן דערצו האט ער געזאגט אז ער זאל גוזר זיין ארויס צו טרייבען אלע יודען פון זיין מדינה און דעם יועץ משה זאל מען אויפהענגען:

האט דער מלך אראב גענומען דאס פינגערעל פון זיין האנד און האט עס געגעבען צו דעם שר דעם שונא ישראל ער זאל אב שרייבען די גזירות און פאר התמינען מיט זיין זיגעל און דער שר איז אהיים געפארען זייער פרייליך און האט דערציילט זיינע שטיב מענשען ווי עס איז איהם געלונגען צו פוילען ביי דעם מלך ער זאל ארויס טרייבען די יודען און דעם יועץ משה אויפהענגען האבען זיי זיך אויך געפרייד און זענין א גאנצע נאכט אויפגעוועזען אב צו שרייבען די גזירות און מאכען די תליי. און ווי דער מלך איז א היים געקומען און האט דער ציילט זיין מוטער האט זי

זיך

זיך זייער דערשראקען דען זי האט אויך ליצב געהאט די יודען און בפרט דעם יועץ משה. האט זי איהם געזאגט ווי פאלסט די אויס צו טוהן אזא זאך האסטו דען נישט געהערט וואס עס האט גיטראפען פרעה און די מצרים וויל זיי האבען שלעכטס גיטוהן די יודען און אויך וואס עס האט גיטראפען דעם שונא המן וואס ער האט נאר געוואלט זיי שלעכטס טוהן. עס האט נאך קיינער פון זייערי בעטריגער קיין גוטען סוף געהאט. אלזא זאלסטו מיט זיי נישט אנהייבען. און אויך איז דאה פון זיי א גרויסע הכנסה ווערסטו פיהל שאדען האבען אז די וועסט זיי ארויס טרייבען. האט איהר דער מלך גיזאגט וואס זאל איך אבער טוהן אז איך האב אוועק געגעבען דעם שר מיין פינגערעל און דאס וואס ער וועט אב שרייבען און חתמיינען מיט מיין זיגעל איז דאך פארפאלען. האט דעם מלך'ס מיטער גיזאגט ער זאל שיקען רופען דעם יועץ משה און ער וועט אונז א עצה געבין וואס צו טוהן. דער מלך האט געשיקט נאך דעם יועץ משה. ווי די שלוחים זענין געקומען צו משה'ין און מיטען דער נאכט און האבען איהם געזאגט טוה דיך געשווינד אהן דען דער מלך דארף דיך נייטיג האבען. האט זיך משה זעהער דער שראקען דען דאס איז ביי זיי גיוועזען א סימן אז ווען מען האט איינעם פון די שרים פלוצלינג גערופען צום מלך איז איהם געקומען מיתה. איז דער משה זייער טרויעריג געווארען און איז געקומען צום מלך און האט זיך פאר איהם געבויקט און געזאגט איך בין געקומען לויט דעם פערלאנג פון מלך האט ער איהם ארייין גענומען אין זיין מיטערס צומער און האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה און דעם מלך'ס מיטער זאגט צו איהם די מוזט עפיס אויף טוהן א עצה ווי אזוי ארויס צו בעקומען דאס פינגרעל פון דעם שר דען נישט ביסטו מיט אלע יודען פערלארען און מיר וועלין איייך גאר נישט קענין העלפען:

האט דער יועץ משה גיזאגט מיין עצה איז אז דער מלך זאל זאגען אז פאהרענדיג ביי נאכט האט מען ביי איהם צו געגנביט זיין פינגעריל און אזוי ווי דער שר וועט דאך א וודאי קומען באלד און דער פריה און קיינערליכען קאבינעט איבער צו געבין די פאפירען מיט די גזירות און דאמאלט טאהר קיינער ניט אריין קומען צום קיסר אויסער דער וואס האט דעם מלך'ס פינגעריל וועט ער דאך זיך מוזען דער מיט בעניצען ביים א דורך גיין די וואך. זאל איהם די וואך באלד חאפען און הענגען און דער מלך וועט זיך אב נעמין זיין פינגעריל און עס וועט קיינער דערפין ניט וויסען איז זיי די עצה זייער גיפעלין. און דער מלך איז ארויס גיגאנגען

און

און האָט געזאָגט צו זיינע דינער אַז פאָהערענדיג די נאַכט האָט מען ביי איהם צו גיגנב'ט זיין פינגעריל. און ער רעכינט אַז דריזען שטעקין פערבערעכער וועלכי ווילען דעם מלך טויטען אויף זיין בעט ווען עס וועט נאָך קיינער ניט וויסען מען זאָל זיי קאָנען חאַפען. דריבער האָבען זיי גיגנב'ט דאָס פינגעריל זיי זאָלען קאָנען אומגעשטערט אַ דורך גיין באַלד און דער פריה די וואַך. אַלזאָ זאָלען זיי אויפריכטיג זיין אַז אויב עס וועט ווער קומען באַלד און דער פריה און וועלען אַריין גיין און קאַבינעט. און וועט זיי מסתמא וויזען דאָס פינגעריל זאָלען זיי גאָר ניט קוקען מעג ער זיין דער גרעסטער שר און ער מעג זיי זאָגען אַז איהם מיינט זיכער דער מלך ניט און ער וועט אייך אויסווייזען מיט פאַקטען זאָלט איהר איהם ניט האָרכען. נאָר תיכף הענגען און דאָס פינגעריל ביי איהם צו נעמען. און וויל דער שר איז אויף גיוועזען אַ גאנצע נאכט איז ער געקומען צום מלך באלד און דער פריה ער זאָל איהם איבער געבין די פאפירען וואָס ער האָט צו געגרייט און איז צו געקומען צום קאַבינעט און האָט גיוויזען דעם מלך'ס פינגעריל האָבען זיי עס ביי איהם צו גענומען און האָבען איהם תיכף צו גענומען די אָרדעס און איהם איבער גיגעבען די תלינים צו הענגען נאָר וויל זיי האָבען ניט געהאַט גרייט קיין תלי' ביז זיי האָבען געוואָלט מאַכען אַ תלי' האָט ער זיך ביי זיי גיבעטען אַז זיי זאָלען איהם פיהרען צום מלך דען עס איז בוודאי אַ טעות און דער מלך מיינט ניט איהם דען ער האָט איהם דאָך אַליין גיגעבען דאָס פינגעריל ער זאָל אָב שרייבען גזירות אויף יודען און ער האָט אויך גימאַכט אַ תלי' אויף צו הענגען משה'ן דעם יועץ פון מלך. ווי זיי האָבען גיהערט אַז ביי איהם איז דאָה אַ פאַרטיגע תלי' האָבען זיי איהם גענומען און אַהין געפיהרט און דאָרט אויפגיהאָנגען. און דערויף האָט דער בעש"ט גיזאָגט „לעושה נפלאות גדולות כי לעולם חסדו". און דערויף האָב איך און שלאָף גיוויינט דען איך האָב גיזעהן די יודען שטייען און אַ גרויסע צרה דורך דעם וואָס די מקטריגים האָבען בעקומען רשות גוזר צו זיין אַזאַ גזירה. האָב איך גיבעטען פאַר השי"ת ער זאָל זיך מרחם זיין אויף די יודען און מבטל זיין די גזירה. און גלויבט השי"ת דאָס ער האָט מקבל גיוועזען מיין תפילה און האָט מבטל גיוועזען די גזירה און אין דער פריה וועט איהר גיוואָהר ווערין אַז איך האָב אייך דערציילט אַ אמת'דיגע מעשה. און ווי זיי זענין אויפגישטאַנען און דער פריה איז אַ דורך געגאַנגען ר' משה דער יועץ פון מלך. משה! האָט איהם דער בעש"ט צו גערופען גוט יום טוב נו „לעושה נפלאות גדולות כי לעולם חסדו" השי"ת קען שיינע

ניסים

ניסים בעוויזען האסטו דיך גערעכט אויף אזוי א צרה ר״ל און השי״ת האט גאר פון דער צרה אליין געמאכט א ישועה. און מיר זענען פטור געווארען פון דעם גרעסטען שונא ישראל. און די האסט זוכה געוועזען צו זיין דער גוטער שליח און דורך דיר זענען אלע יודען געראטעוועט געווארען און אויך די אליין. האט זיך דער יועץ משה זייער געפרייד און איז אהיים געגאנגען און דערציילט זיין בני בית די ניסים וואס השי״ת האט מיט זיי געטוהן. און באלד איז אויך געווארען די גאנצע שטאדט פון דעם נס און זיי זענען געקומען און שוהל אריין דאווינען און האבען געלויבט השי״ת אויף די גרויסע ניסים וואס ער האט מיט זיי געטוהן און דער עושר וואס דער בעש״ט איז ביי איהם געוועזען יום טוב האט זיי דערציילט אז השי״ת האט זיי געהאלפען און זכות פון הייליגען בעש״ט וואס ער איז דאה ביי איהם אויף יום טוב איז דער גאנצער עולם גיגאנגען צום עושר מיט דעם בעש״ט זיך משמח צו זיין און דער עושר האט געמאכט א גרויסע סעודה לכבוד די געסט און זיי האבען אלע געלויבט השי״ת פאר זיינע ניסים וואס ער האט זיי געטוהן. דער זכות פון הייליגען בעל שם טוב זאל אויף אונז מגין זיין מיר זאלען געהאלפען ווערען בכל טוב אמן :

## א ווינדערליכע מעשה פון ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער זכרונו לברכה.

אין דער שטאדט שאטץ וואס איז גיוועזען און באקאווינע איז גיוועזען א גרויסער גביר ער האט געהייסען נתן שמעון. און ער פלעגט צו האנדלען קיין גאלאץ וואס איז און רומעניען. און ער האט ניט געהאט ל״ע קיין קינדער. און וויל דער רבי ר׳ מאיר׳ל איז זייער מפורסם גיוועזען פאר א פועל ישיעות איז זיין ווייב געפאהרען קיין פרימישלאן צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל ער זאל פאר איהרט וועגין מתפלל זיין זי זאל געהאלפען ווערין מיט קינדער. האט זי דער רבי גיפרעגט פאר וואס איז דיין מאן ניט גיקומען האט זי געזאגט וואס קען איך איהם טוהן אז ער איז פון די היינטיגע לייט וואס זיי האלטען ניט פון קיין רבי׳ס. האט דער רבי איהר גיזאגט די זאלסט א היים פאהרען און זאגען דיין מאן אז דער רבי ר׳ מאיר׳ל האט איהם געהייסען

געהייסען קומען קיין פרזמישלאַן. און אַ סימן אַז ער שטייט און גאַלאָף אין האָטעל איירעָפּעיסקע און ער האָט יענע וואָך דאָרט געטוהן ניט קיין אָרענטליכע מעשה. די פרוי איז אַ היים געפאָהרען. און אַז איהר מאַן איז אַ היים געקומען פון גאַלאָף. און ער איז שוין געווען אַ פאָהר טאָג און דער היים. האָט זי איהם געזאָגט וואָס וועט זיין אינזער תכלית מיר האָבען שוין אַ זיבענע פאָהר יאָהר חתונה און מיר האָבען נאָך קיין קונדער נישט. איך וואָלט דיר געזאָגט זאָלסט מיך האָרכען און פאָהרען קיין פרזמישלאַן צום רביין ר' מאיר'ל דען איך האָב שוין געהערט אַ סאַך מענשען זענען דורך זיין תפילה געהאָלפען געוואָרען. און ווי ער האָט געהערט פון אַ רביין האָט ער אָהנגעהויבען שטאַרק צו לאַכען און האָט פון איהר חוזק געמאַכט. האָט זי איהם געזאָגט די זאָלסט וויסען אַז איך בין שוין אַליין געווען ביים רביין ר' מאיר'ל אין פרזמישלאַן און ער האָט מיר געזאָגט אַז איך זאָל דיך שיקען צו איהם קיין פרזמישלאַן. און האָט מיר געזאָגט אַ סימן אַז די האסט עפּיס געטוהן ניט קיין אָרענטליכע מעשה און גאַלאָף:

וויא דער מאַן האָט דאָס געהערט איז ער זייער דערשראָקען געוואָרען דען ער האָט געוויסט אַז קיין שום מענש האָט דער פון נישט געוויסט. און ער האָט אָנגעהויבען צו קלערין ווי אַזוי ער זאָל פאָהרען דען ער האָט זיך געשעמט פאַר זיינע חבירים זיי זאָלען וויסען אַז ער פאָהרט צו אַ רביין איז ער אַרויס געגאַנגען און גאַס אַריין און האָט געדינגען א פיהר די חבירים זיינע האָבען איהם געפרעגט ווי ער פאָהרט האָט ער גיזאָגט אַז ער פאָהרט קיין לעמבערג און ווי ער איז געקומען קיין פרזמישלאַן איז ער אַריין געגאַנגען צום רביין ר' מאיר'ל האָט איהם דער רבי שלום געגעבען און האָט איהם געפרעגט פון וואַנען ער איז. אין האָט געזאָגט אַז ער איז געקומען צום רביין האָט איהם דער רבי געזאָגט די האָסט דאָך גאָר געזאָגט אַז די פאָהרסט קיין לעמבערג. דריבער זאָלסט צוריק אַ היים פאָהרען. און זאָלסט דינגען אַפיהר קיין פרזמישלאַן און אַלע מענשען וואָס וועלען דיך פרעגען זאָלסטו זאָגען אַז די פאָהרסט צום רביין קיין פרזמישלאַן האָט ער אַזוי געמוזט טוהן און ער איז אַהיים געפאָהרען און האָט געדינגען א פיהר און האָט געזאָגט אַלע מענשען אַז ער פאָהרט קיין פרזמישלאַן צום רביין ר' מאיר'ל האָט איהם דער רבי ר' מאיר'ל צו געזאָגט אַז ער וועט מיט השי"ת הילף דאָס יאָהר געהאָלפען ווערען און זיין ווייב איז באלד טראָגען געוואָרען און האָט געהאט א טאָכטער און פון דאמאלס אהן האט ער אב געלאזט זיינע שלעכטע חבירים אין איז געווארען א חסיד און פלעגט אלע

אלע מאהל צו פאהרען צום רביין ר׳ מאריל קיין פרימישלאן. איין מאהל איז ער געקומען צום רביין ר׳ מאיריל האט איהם דער רבי געזאגט נתן שמעון די וואנסט דאך לעבין די גרעניץ זאלסטו וויסען עס וועט קומען צו דיר א יור און וועט עטליכע מאהל הויך שרייען זאלסטו איהם זעהן צו טוהן א טובה. און א פאהר יאהר ארום איז דער ריזינער רבי זכרונו לברכה אנטלאפען פון רוסלאנד. און איז צו געקומען צו דער גרעניץ שטאדט און ווי דער גביר נתן שמעון איז דער פון געוואהר געווארען איז ער תיכף צו איהם אריבער געגאנגען און האט איהם געזאגט ער זאל זיך גאהר נישט שרעקען. דען ער אליין וועט איהם אריבער שטעלען איבער די גרעניץ. און ער האט געגעסען דעם רביין אויף זיינע פלייצעס און האט איהם אריבער געטראגען איבער דעם טייך דעם וואסער איז שוין דאמאהלט געווען געפרוירען האט זיך דער גביר נתן שמעון געגעבען א גליטש האט זיך דער ריזינער רבי זכרונו לברכה דערשראקען האט איהם דער גביר נתן שמעון געזאגט רבי שרעקט אייך נישט דען איך וועל אייך נישט אראב לאזען אפילו איך זאל מיר חלילה עפיס טוהן. און האט איהם אריבער געטראגען דעם טייך. און ווי זיי זענען צו געקומען צו דער צווייטער גרעניץ. האט ער געהייסען דעם ריזינער רביין זכרונו לברכה ווארטען און פעדער הויז און ער איז אריין געגאנגען און דער קאמער אריין וואס דארט איז געזעסען די גרעבערן וואך זיי האבען איהם גוט געקענט ווייל ער פלעגט אלע מאהל געהן איבער דער גרעניץ און ער פלעגט זיי אלע מאהל געבין מתנות און ער האט זיך אנידער געזעצט שפילען און קארטען און האט ספיציעל זיי געלאזט געווינען ביז זיי האבען ביי איהם געווינען פיער הונדערט רייבעל און דער נאך האט ער געבעטין אז זיי זאלען איהם אריבער לאזען איבער דער-גרעניץ מיט זיין גוטען פריינד וואס ווארט אויף איהם ווייל זיי האבען פערגעסען און דער היים די פעסער איז דער נאטשאלניק פון דער קאמער אליין ארויס געגאנגען און האט זיי געהייסען אדורך לאזען און ער איז אריבער געגאנגען די גרעניץ מיט דעם רביין ר׳ ישראל׳טשע ריזינער זכרונו לברכה אהן שרעק. דעם זכות פון די צדיקים זאל אונז ביי שטיין:

# אַ ווּנדערליכע מעשה פון ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער זכרונו לברכה.

ווען דער רבי ר׳ מאיר׳ל איז נאך געוועזען אַ יונגער מאַן און ער איז נאך ניט געוועזען קיין רבי פלעגט ער אַלע יאהר פאהרען קיין באַטושאַן וואס איז אין בעסראַביע. און אַ טייל מענשין האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ בעל מופת. איינמאָהל זענען די מענשין צו איהם געקומען און דערציילט אַז עס איז אַרויס געגאַנגען אַ גזירה אַז קיין יודען טאָרען ניט וואָהנען צעהן וויאָרסט פון קיין פעסטונג. און ווייל די שטאָדט איז געוועזען צום פעסטונג איז זיי אויס געקומען אַרויס צו טרייבען פון דער שטאָדט. און זיי האָבען איהם געבעטען ער זאָל מתפלל זיין אַז השי״ת זאָל העלפען דאָס מען זאָל זיי ניט אַרויס טרייבען פון דער שטאָדט. האָט ער זיי געזאָגט אויב אַזוי וועט השי״ת העלפען דאָס איהר וועט פערבלייבען וואָהנען אין דער שטאָדט. און דאָס פעסטונג וועט בטל ווערין און פון די שטיינער פון פעסטונג וועט איהר בויען אַ שוהל. און אין אַ פיהר וואָכען איז אָהן געקומען מען זאָל דאָס פעסטונג צו לייגען און ווער עס וויל זאָל זיך נעמען די שטיינער:

---

# נאך אַ ווינדערליכע מעשה פון ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער זצ״ל.

דער רבי ר׳ מאיר׳ל פרימישלאַנער זכרונו לברכה האָט דערציילט. ווען איך בין געוועזען אַ יונגער מאַן האָב איך זייער חשק געהאַט צו זעהן אליהו הנביא און איך האָב געבעטען מיין פאָטער ער זאָל איהם מיר ווייזען. האָט מיר מיין פאָטער געזאָגט אַז איך זאָל לערנען בהתמדה וועל איך איהם זוכה צו זעהן. בין איך אַוועק געגאַנגען און האָב מיך גיזעצט לערנען און האָב גילערענט ביי טאָג און ביי נאַכט מיט גרויס התמדה פיער וואָכען צייט. דערנאָך בין איך געקומען צום טאַטען און האָב איהם גיפרעגט איך האָב דאָך נאך ניט גיזעהן אליהו הנביא. האָט ער מיר צו געזאָגט

נעֶזאָגט אַז און דיִ צייַטעֶן ווְעל איִך איִהם זעָהן. אייַנמאָהל ביִן איִך בייַנאַכט געזעסעֶן און טאַטעֶנס בית מדרש איִז אַריַין געֶקומעֶן אַ אָרימאַן וואָס עֶר איִז געגאַנגעֶן אָב געריסען איַין לאַטע אויף דער צווייַטער און האָט געהאַט זייער אַ משונה׳דיִג פנים. און האָט געֶהאַט אַ גרויסעֶן פּאַק אויף די פּלייַציִס. און האָט געוואָלט דעֶם פּאַק אַניִדעֶר לייַגעֶן אין בית מדרש האָב איִך איִהם געֶזאָגט. מייַן ליִעֶבעֶר יוד דאָ און בית מדרש איִז ניִט קייַן אַכסניא גייַט צוּ ווְעלכעֶן מלמד ווְעט איִהר בייַ איִהם קעֶנעֶן האָבעֶן סטאַנציֶע האָט מיִר דער אָרימאַן געֶזאָגט. איִך בּיִן דאָך זייַעֶר מיעד און איִך ווְעל מיִך דאָ אַביִסעֶל אָב רוהעֶן ווְעל איִך דער נאָך מיִר גייַען זיִכעֶן אַ סטאַנציֶע. האָב איִך געֶזאָגט איִהר קענט דאָ אייַך ניִט אָב רוהעֶן נאָר גייַט באַלד אייַך זיכען אַ סטאַנציֶע דעֶן מייַן טאַטעֶן פערדריִסט אַז מעֶן קומט אַרייַן מיִט פּעֶק און בית מדרש אַריַין. איִז דעֶר אָריִמאַן אַוועק געֶגאַנגען. און אַזוי ווי עֶר איִז אַרויס געֶגאַנגעֶן איִז מייַן פּאָטעֶר אַרייַן געקומעֶן און האָט מיִך געפרעֶגט די האָסט געֶזעֶהן אליהו הנביא. האָב איִך נעֶזאָגט אַז ניִט האָט עֶר מיִך גיִפרעגט עס איִז דאָ קייַנעֶר געוועֶזעֶן די גאַנצע צייַט. האָב איִך געזאָגט יאָ עֶפּיס אַ אָרימאַן מיִט אַ פּאַק איִז דאָ פריִהער געוועזען. האָט מיִר דער טאַטע גיִפרעגט די האָסט איִהם גיִגעבען שלום האָב איִך גיִזאָגט נייַן. האָט ער מיִר געזאָגט פאַר וואָס האָסטו איִהם קייַן שלום ניִט גיִגעבען און יעצט איִז שוין פערפאַלען דען איִך קען דיִר שוין נאָך אַמאָהל איִהם ניִט ווייַזען. און פון דאמאָלס אָהן האָב איִך אויף מיִר מקבל געוועזען אז יעֶדען יוד וואָס איִך וועל זעהן זאָל איִך איִהם באַלד געֶבין שלום:

אייַנמאָהל איז צוּ איהם געקומען אַ חסיד פון אַ דאָרף אויף שבת פ׳ זכור. האָט איִהם דעֶר רבי ר׳ מאיר׳ל גיִגעֶבעֶן זייַן אַלטעֶ יאַרמיִלקעֶ און האָט איִהם געֶזאָגט אַז פורים פאַר נאַכט צוּ דעֶר סעוּדה זאָל עֶר זי אָהנטוהן. האָט עֶר אַזוי געֶטוהן. און פליִצלונג זעֶנעֶן צוּ איִהם אַרייַן געֶקומעֶן גזלנים. און האָבעֶן איִהם אָהנגעֶקוקט און דעֶר יאַרמעֶלקע האָבעֶן זייַ געֶזאָגט דאָס איִז ניִט דעֶר. און זייַ זעֶנעֶן געֶגאַנגעֶן און צווייַטעֶן דאָרף און האָבען צוּ ראַביִרט דעֶם קרעֶטשמעֶרס גאַנצעֶ פעֶרמעֶגעֶן און עֶר איִז ניִצול געֶוואָרעֶן:

# נאך א מעשה פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער זכרונו לברכה.

איך האב געהערט פון דעם אלטען ר׳ אברהם שאול זכרונו לברכה פון קרעשיב אז זיין שווער האט איהם דערציילט. ווען ער איז געוועזען מלמד און גאליציע לעבין פרימישלאן איז איינער פון זיינע תלמידים א חתן געווארין און עס איז געוועזען פאר דער חתונה האט איהם דער בעל הבית געבעטען ער זאל פאהרען מיט דעם חתן קיין פרימישלאן צו דעם רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל ער זאל איהם בענטשען פאר דער חתונה. און דער רבי ר׳ מאיר׳ל האט איהם גוט געקענט. ווי זיי זענין געקומען קיין פרימישלאן און זענען אריין געגאנגען צום רבי׳ן איז דער חתן געגאנגען א ביסעל אוועק געדיקט דאס היטעל האט דער רבי געגעבען א געשריי „כסי רישך כי היכי דתהוי עלך אימתא דשמיא״ דאס איז די טייטש די חכמים זכרונו לברכה האבען געזאגט אז מיט דעם וואס מען געהט צו געדעקט דעם קאפף ברענגט צו יראת שמים. דער נאך האט ער געזאגט צו זיין שווער די ביסט דאך א יוד א למדן זאג מיר פאר וואס אין שולחן ערוך פון הלכות פסח הייבט זיך אהן מען דארף לערנין די דינים פון פסח דרייסיג טאג פאר פסח. און דער רמ״א הייבט זיך אהן מען איז זיך נוהג אז מען טיילט ווייץ די ארימעלייט אויף פסח. האט איהם דער רבי ר׳ מאיר׳ל געזאגט הער איך וועל דיר זאגען דער שולחן ערוך איז געוועזען א איש קדוש א הייליגער מענש ער האט גאר נישט און זינען געהאט די וועלט נאהר אז מען דארף אויף פסח וועט שוין השי״ת אליין און זינען האבען אונז צו פארזארגען דורך אנדערע מענשען אזוי ווי דער הייליגער תנא ר׳ שמעון בן יוחאי האט געזאגט. נאר דער רמ״א וואס איז שוין געוועזען אביסעל שפעטער האט ער געזאגט אז לויט אונזער קליינעם בטחון מיזען מיר און זינען האבען די וועלט און אז מיר וועלען נישט און זינען האבען צו פארזאגען די ארימע לייט וועלען זיי חלילה נישט האבען אויף פסח דריבער הייבט ער אהן אז מען דארף פערזארגען די ארימעלייט מיט ווייץ אויף פסח. זיין זכות זאל אונז ביי שטיין אמן:

# נאך א ווינדערליכע מעשה פון ר' מאיר'ל פרימישלאנער זצ"ל.

אמאהל איז געקומען א גרויסע גביר'טע צום רבי'ן ר' מאיר'ל קיין פרימישלאן. און האט פאר איהם שטארק געוויינט אז זי איז קרענקליג ר"ל. און זי איז שוין געוועזען ביי פיהל דאקטורים און זיי האבען איהר גיגעבין רעצעפטען אבער עס האט איהר ניט געהאלפען. האט איהר ר' מאיר'ל געזאגט פאר וואס האסטו מחלל שבת געוועזען. און די האסט און שבת גענייט. איז זי געבליבען שטיין דערשראקען. דען זי האט גאר ניט גידענקט. דער נאך האט זי זיך דערמאנט און האט געזאגט מיין מאן איז ניט געוועזען א פאהר וואכען און דער היים און ער איז אומגירעכט א היים געקומען פריטיג שפעט איך האב שוין געהאט געצינדען לעכט. האב איך געזוכט א העמד איהם צו געבין אהן צו טוהן. און איך האב ניט געהאט נאר איין העמד וואס דער קאלנער איז געוועזען צוריסען האב איך דעם קאלנער אביסעל צו גענייט. האט ר' מאיר'ל געזאגט. נו די זעהסט אז מאיר זאגט ניט קיין ליגעגט. האט זי שטארק אהנגעהויבען צו וויינען און האט גיבעטען אז דער רבי זאל איהר געבין א תשובה דערויף און זאל מתפלל זיין אז זי זאל געהיילט ווערין אויף די קרענק ר"ל האט דער רבי ר' מאיר'ל געזאגט צו א שמש גיי ריף א הער יוסעלי שניידער איז דער שמש גיגאנגען און האט איהם גערופען צום רבי'ן און ווי דער יוסעלי שניידער איז געקומען האט דער רבי ר' מאיר'ל צו איהם געזאגט אמת די ביסט היינט געוועזען ביי מיר אז די דארפסט חתונה מאכען דיין טאכטער און די האסט ניט קיין געלד. האט דער שניידער גיזאגט יא. האט דער רבי איהם גיפרעגט וויפיהל האסטו צו געזאגט נדן? האט ער געזאגט צוויי הינדערט רייניש. האט דער גיפרעגט און מלבושים פאר דער כלה האסטו שוין. האט ער געזאגט אז ער האט נאך קיין פאדים ניט. האט איהם דער רבי גיפרעגט וויפיהל דארפסטו האבען אויף מלבושים האט ער געזאגט אויך הינדערט רייניש. האט דער רבי ר' מאיר'ל געזאגט צו דער גביר'טע אז די וועסט געבין דריי הינדערט רייניש וועסטו מיט השי"ת הילף האבען א רפואה. האט זי געזאגט צוויי הינדערט האט זי שוין ביי זיך און נאך הינדערט וועט זי גיין צו איהרע בעקאנטע און שטאדט און וועט זיך צו בארגען און וועט באלד געבין די דריי הינדערט רייניש. און זי האט אזוי געטוהן זי איז באלד געגאנגען און שטאדט אריין צו איהרע בעקאנטע און האט [illegible]

צו נעבארגט הינדערט רייניש. און זי האט אריין גיברענגט דעם רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל די דריי הינדערט רייניש:

**האט** איהר דער רבי געזאגט צו מארגעס זאל זי געהן צום טייך און זאל די כלה אויך מיט נעמען מיט זיך צום טייך באדען. און דער שניידער ווי ער האט געהערט אז דער רבי הייסט זי מיט נעמין די כלה צום טייך באדען האט ער זיך זייער דערשראקען און ער האט זיך געטראכט אפשר וועט דאס חלילה זיין טאכטער די כלה שאדען. האט דאס דער רבי ר׳ מאיר׳ל באלד דערקענט און האט געזאגט צום שניידער יוסעלע האב גאר קיין מורא נישט דאס וועט דיין טאכטער די כלה גאר נישט חלילה קיין שאדען טוהן און האט אהן געזאגט די גביר׳טע דאס זי זאל באלד ארויסגעהענדיג פון וואסער זאל זי אויף זיך גאר נישט קוקען און עס איז אזוי געוועזען צו מארגענס איז די גביר׳טע מיט דער כלה געגאנגען צום טייך זיך באדען און ווי די גביר׳טע איז אריין געגאנגען און טייך אריין האט זיך איהר געדאכט אז עס איז פון איהר אראב געפאלען אזוי טעג א פעל האט זי זיך נישט געקענט איין האלטען און האט געגעבען א קוק אויף דער האנד איז די האנד געבליבען קרעציג אזוי ווי פריהער איז זי ווידער געקומען מיט א געוויין צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל און געזאגט אז די האנד איז איהר נאך געבליבען קרעציג ר״ל האט איהר דער רבי געזאגט פאר וואס האסטו געקוקט אויף דער האנד איך האב דאך דיר אהן געזאגט אז די זאלסט אויף דיר נישט קוקען האט זי געזאגט אז נישט ווילענדיג האט זי געגעבען א בליק אויף האנד. און יעצט וועט זיא זיך שוין [illegible] היטען צו פאלגען וואס דער רבי וועט הייסען:

**האט** דער רבי געזאגט צו זיינע משמשים זיי זאלען נאך אמאהל רופען יוסעלע שניידער זענען זיי געגאנגען און האבען איהם גערופען האט איהם דער רבי געפרעגט און אויף הוצאות החתונה האסטו? האט ער געזאגט ניין, האט דער רבי געזאגט צו דער גביר׳טע זי זאל ברענגען נאך הינדערט רייניש ער זאל האבען אויף הוצאות החתונה און זי זאל צו מארגענס נאך אמאהל געהן צום טייך זיך באדען מיט דער כלה. און זאל זיך צו בינדען די אויגען מיט א טיכעל זי זאל שוין נישט קענען קוקען אויף דער האנד איז זי געגאנגען און האט געברענגט נאך הינדערט רייניש און האט געגעבען יוסעלע שניידער און איז דעם צווייטען טאג געגאנגען מיט דער כלה צום טייך און זי איז און גאנצען געהיילט געווארען און איז אהיים געפאהרען בשלום:

# אַ מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי'ן פוּן לוּבְּלִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אַמָאהל איז געקומען אַ דאָרפסמאַן צום הייליגען רביין פון לובלין זצ"ל און האָט איהם געזאָגט אַז ער מאַכט די וואָך אַ ברית. בעט ער דער רבי זאָל בײַ איהם זיין סנדק. האָט איהם דער רבי צו געזאָגט. און ווי עס איז געקומען דער טאָג פון ברית איז דורך אַ סיבה דער רבי אויפגעהאַלטען געוואָרען. און ער איז שפּעט אַרויס געפאָהרען. און די מענשין האָבען גיזעהן אַז עס איז שוין שפּעט און דער רבי איז ניט דאָ האָבען זיי מורא געהאַט עס זאָל ניט שפּעט ווערען. און האָבען אַ צווייטען מכבד גיוועזען מיט'ן סנדקאות. און אַזוי ווי מען האָט דאָס קינד מלה געווען איז דער רבי אָהנגעקומען. האָבען זיי געהאַט דערפון שטאַרק עגמת נפש און זיי האָבען געמיינט אַז דער רבי וועט אויף זיי זיין פערדראָסעג. האָבין זיי דעם רביין גיבעטען אַז ער זאָל חאָטש זיין אויף דער סעודה. איז דער רבי פערבליבען אויף דער סעודה. און איז זייער פריילך געוועזן אויף דער סעודה מעהר ווי אויף אזא סעודה וואָס ער איז סנדק האָבען זיך די חסידים וואָס זענען דאָרט געוועזען זייער פערוואונדערט. און האָבען דעם הייליגען רביין פון לובלין זכרונו לברכה איבער גיפרעגט וואָס די שמחה איז בײַ איהם הײַנט גרעסער ווי אַלע מאָהל:

האָט איהם דער הייליגער רבי אַזוי געענטפערט די זאָלסט וויסען אַז די מצוה פון סנדקאות איז זייער גרויס און עס איז אָבער דאָ אַ סאַך כוונות און זונען צו האָבען. דריבער אַ מענש וואָס איז נאָר אַ בשר ודם. ווי קען ער זיך איינרעדין אַז ער האָט געטוהן די מצוה בשלימות מיט אַלע איהרע כוונות אָהן שום פניות. וואָהרען דער מנהג איז מכבד צו זיין מיט סנדקאות דעם גרעסטען למדן אָדער אַ ערליכען יוד. דריבער איז גאַנץ גרינג אַז מען זאָל האָבען דערפון גיאות וואָס מאַכט קאַליע אַלע כוונות אָבער אַז איך האָב געוואָלט זיין סנדק און טוהן די מצוה פון סנדקאות נאָר עס האָט זיך מיר געטראָפען אַ סיבה. וואָס איך האָב ניט געקענט זיין קיין סנדק איז דאָך דער דין אַז איינער רעכינט צו טוהן אַ מצוה און עס טרעפט זיך איהם אַ סיבה אַז ער קען זי ניט טוהן רעכינט איהם השי"ת גלייך ווי ער וואָלט די מצוה געטוהן. און בײַ אַזאַ מצוה האָט ער דאָך ניט קיין שום פניי און ניט קיין גיאות און אויך השי"ת רעכענט איהם גלייך ווי ער וואָלט מקיים געוועזען די מצוה מיט כוונות דריבער פרייד ער זיך מעהר אויף דער סעודה וואָס ער האָט געוואָלט זיין סנדק און ער איז ניט געוועזן ווי אונז

אזא סעודה וואס ער איז יא סנדק. דען דארט ווייסט ער דאך ניט צו ער האט די מצוה מקיים גיוועזען בשלימות אזוי ווי דא. דער זכות פון הייליגין רבי׳ן פון לובלין זאל אונז ביי שטיין אמן:

# א ווינדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ אלימלך ווי ער האט מקרב געוועזען דעם גאון ר׳ שמחה פון בובּרקא זכרונו לברכה צום חסידות.

דער גאון ר׳ שמחה פון בובּרקא וואס ער איז בעוויסט געוועזען פאר א הייליגען מענש און ער איז געוועזען א מתנגד דאס הייסט ער איז נישט געפאהרען צו קיין רבי׳ן אזוי ווי א סאך גאונים און יענער צייט. איינמאהל איז ער שלאף געווארען און איז געוועזען זייער מתוקן ר״ל און ווייל דאמאלס איז בעוויסט געוועזען דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק פאר א גרויסען צדיק און א בעל מופת. איז זיין מיטער שטילערהייד געפאהרען צום רבי׳ן ר׳ אלימלך קיין ליזענסק זי האט מורא געהאט אז מען וועט געוואהר ווערען אז זי וויל פאהרען צו א רבי׳ן וועט מען זי נישט לאזען פאהרען ווייל זיי זענין געוועזען גרויסע מתנגדים און ווי זי איז געקומען צום הייליגען רבין ר׳ אלימלך זכרונו לברכה האט זי שטארק אנגעהויבען צו וויינען. און האט דערציילט דעם רבי׳ן. אז איהר זאהן איז א גרויסער גאון און א ערליכער יוד און יעצט איז ער זייער מסוכן בעהט איך דעם רבי׳ן אז ער זאל מתפלל זיין אז השי״ת זאל איהם שיקען א רפואה שלימה. האט איהר דער רבי גיענטפערט אז זי זאל גארנישט מורא האבען. מיט השי״ת הילף וועט ער געזינד ווערען באהר אז זי וועט אהיים קומען וועט ער זיין נאך שוואכער זאל זי זיך אויך נישט שרעקען דער נאך וועט דער פריץ פון דער שטאדט מאכען א באל און עס וועט זיין אויף דעם באל דריי גרויסע דאקטורים פון לעמבערג זאל זי זיי אלע דריי רופען צו איהר זאהן און זיי וועלען איהם בעטראכטען וועט ער זיין גאר שוואך וועלען זיי אלע אויך איהם מייאש זיין און פון דעסטוועגען זאלסטו דיך גאר נישט שרעקען און אז זיי וועלען אוועק געהן וועט איין דאקטער פאלען און מיטען באס און זיי וועלען זיך מיט איהם פארען אויף

צו הייבען. וועט זיך איינער פון זיי דער מאַנען אז עס איז דאָה א רפואה פאַר איהר זאָהן וועגען און ער וועט צוריק געהן צו איהר אין שטיב אַריין און ער וועט פערשרייבען די רעצעפּט. און אַזוי ווי דער שלאָפער וועט אָנהייבען צו נעמען די רעצעפּט וועט איהם בעסער ווערען און ער וועט מיט השי"ת הילף פאָלקאָם געזינד ווערען. נאָהר ער האָט אָנגעזאָגט אַז אַזוי ווי ער וועט מיט השי"ת הילף געזינד ווערען זאָל ער פאָהרען צום רבין ר' זושא קיין אַניפּאָלע. אין זי איז אַהיים געפאָהרען. און עס איז אַזוי געוועזען אַלעס אַזוי ווי דער רבי ר' אלימלך האָט געזאָגט:

דער נאָך ווי דער גאון ר' שמחה איז געזינד געוואָרען האָט די מיטער איהם דער צעהלט די גאַנצע מעשה איז ער שטארק דערשראָקען געוואָרען. און ער האָט געזאָגט צו זיין מוטער אַז פריהער זאָלען זיי פאָהרען צום רבי'ן ר' אלימלך און איהם דאַנקען פאר זיין תפלה וואָס ער האָט אויף איהם מתפלל געוועזען זענען זיי געפאָהרען קיין ליזענסק. און ווי זיי זענען אַריין געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך האָט ער זיי געפרעגט צו זיי זענען שוין געוועזען ביים רבי'ן ר' זושא האָט איהם ר' שמחה געזאָגט אַז וויַיל קיין אַניפּאָלע איז זייער וויַיט און ער איז נאָך נישט ביים געזינד קען ער נישט פאָהרען. און השי"ת וועט העלפען ער וועט קומען צום זיך און וועט פאָלקאָם געזינד ווערען וועט ער פאָהרען קיין אַניפּאָלע צום רבי'ן ר' זושא און אַזוי איז טאקע געוועזען דאָס און א קליינע צייט ארום איז ער פאָלקאָם געזינד געווארען און איז געפאָהרען צום רבי'ן ר' זושא זכרונו לברכה קיין אַניפּאָלע און ווי ער איז געקומען און שטאָדט אַריין איז צו איהם צו געקומען אַ יוד און האָט געזאָגט ר' שמחה איך האָב נאָך נישט קיין אורח אויף שבת און איך בעט אייך איהר זאָלט ביי מיר זיין דעם שבת האָט זיך דער גאון זייער פאַרווינדערט ער איז פון אַזוי וויַיט און ער קען דאָה קיינעם נישט און פלוצלינג רופט איהם דער יוד ביים נאָמען דער וויַיל איז אַ דורך געגאַנגען אַ יונגעל האָט דער גאון דאָס יונגעל געפרעגט ווער דער יוד איז האָט דאָס יונגעל געזאָגט דאָס איז דער היגער רבי האָט ער זיך זייער געפרייד דען ער האָט געזעהען אַז ער איז א בעל רוח הקודש און איז ראוי מען זאָל פון איהם לערנען און ער איז מיט געגאַנגען מיט דעם רבי'ן ר' זושא אין מקוה אַריין לכבוד שבת. האָט איהם דער רבי געזאָגט אַז ער זאָל זיך טובל זיין פונקט גלייך מיט איהם האָט ער אַזוי געטוהן דער נאָך האָט איהם דער רבי געפרעגט נו ר' שמחה עס

איז

איז איין גאט צפיס שחר. האט ער זיך איבער געחזר'ט די אלע ווערטער וואס גאט איז ליב פחזר געווען און עס א"ז אים אלעס פערגעבערט געווארען:

# א ווינדערליכע מעשה פון רבין ר' זושא זצ"ל.

דער הייליגער פולנאער מגיד זכרונו לברכה איז איינמאהל ביי טאג געשלאפען נאך דעם עסען. האט זיך איהם געחלומ'ט אז ער איז אין הימעל און עס איז א גרויסע פרייד. האט ער געפרעגט וואס מען פרייד זיך אזוי האט מען איהם געזאגט אז דער רבי ר' זושא האט געזאגט תודה און מען האט איהם געזאגט וואס ער האט געזאגט און דער פון איז אזא פרייד און הימעל אין א סימן אז זאלסט וויסען אז דער חלום איז אמת. אזוי ווי ער וועט זיך אויפהאפען פון שלאף וועט דער רבי ר' זושא אהנקומען. און אזוי איז טאקע געוועזען. איז דער מגיד צו איהם אריבער געגאנגען און האט איהם דאס דערציילט. האט ער שטארק געוויינט און געזאגט מען קען דאך דאס אהנגווערין און איין מינוט חלילה. זיין זכות זאל אונז ביישטיין מיר זאלען געהאלפין ווערין מיט אלעם גוטען אמן:

און דער צייט וואס דער רבי ר' זושא זכרונו לברכה האט געוואהנט און אניפאליע האט מען איינמאהל ארויס געגנבית ביים פריץ וואס די שטאדט אניפאליע מיט דעם גאנצען געגענט האט צו איהם געהערט. א גרויסע סומע געלד. און ווייל עס איז דארט געוועזען יודישע גנבים האט דער פריץ צו געשיקט צו די יודען אז זיי זאלען זעהן צו מען זאל איהם באלד צו געבין דאס גאנצע געלד בשלימות און אויב ניט וועט ער זיי אלע ארויס טרייבען פון דער שטאדט און פון אלע ווייטע גישטר. און די שטאדט לייט האבען זיך זייער דערשראקען און זיינען געקומען צו לויפען צום רבין ר' זושא און האבען איהם דערציילט די בעטערע גזירה רח"ל. וואס דער פריץ האט אויף זיי גוזר געוועזען. איז דאמאלס פונקט געוועזען ביים רבין ר' זושא א גביר פון דער שטאדט קארין וואס ער פלעגט צו האנדלען מיטען פריץ און איז ביי איהם געוועזען זייער חשוב. האט איהם דער רבי ר' זושא זכרונו לברכה געזאגט ער זאל גיין צום פריץ און זאל איהם זאגען אז דער רבי זאגט איהם צו ער וועט איהם אלץ געבין דאס גאנצע געלד נאר ער

זאל

זאל איהםווארטען אַ יאָהר צייט און באַלד און אַנדערע יאָהר וועט ער איהם דערקען דאס גאַנצע געלד. און וויל דער גביר האט געוויסט אַז דעם רביינס ווערטער, זענען אמת און אַז ער וועט נישט היזק האבען דרינען. איז ער געגאַנגען צום פריץ און האט איהם געזאָגט אַז דער רבי האט איהם געבעטין ער זאל איהם ווארטען ביז צום יאָהר. און ער וועט איהם דאס גאַנצע געלד אָב געבין. און דער גביר האט דעם פריץ ערב געוועזען אַז אויב דער רבי וועט איהם ניט געבין צו דער צייט וועט ער איהם געבין פון זיין קעשינע:

דער גביר האט גירעכענט אַז דער רבי ר' זושא וועט אַ וודאי אַרויס פאָהרען אויף דער וועלט און וועט צונויף נעמען געלד אויף דער מצוה פון פדיון שבוים. און אַ יאָהר צייט איז גאַנץ מעגליך ער זאל די סומע צו זאַמען נעמען. אָבער דער רבי ר' זושא איז די גאַנצע צייט גיזעסין על התורה ועבודה. און עס איז געקומען צום יאָהר האט דער רבי בעוויזען אַ מופת ביי וועמין די גנבה געפינט זיך זכותו יגן עלינו אמן:

## אַ וואונדערליכע מַעֲשֶׂה פון רֶבִּין ר' זוּשָׂא זצ"ל.

איינמאהל האט דאס מיליטער געמאַכט אַ מאַנעווערע אַרום דער שטאָדט אַניפאָליע. און דאס פולק וואס עס האט געזיגט האט אַ דורך מאַשירט דורך דער שטאָדט אַניפאָליע מיט מוזיק. און זיי זענין שטאַרק פריילעך גיוועזען. זענין איין ראָטע אַריין געגאַנגען צו אַ יודישען שענקער און האָבען אויסגעטרונקען דעם גאַנצען בראָנפען וואס ער האט געהאַט. און ניט געענוג זיי האָבען איהם פאר דעם בראָנפען ניט בעצאָהלט האָבען זיי געשריגען ער זאל זיי נאָך געבין בראָנפין. און ווי דער יוד האט געזאָגט אַז ער האט שוין מעהר קיין בראָנפען ניט. האָבען זיי איהם ניט גיוואָלט גלייבען. און האָבען אָהנגעהויבען צו שלאָגען די קינדער און צו בראָכען אַלע כלים פון דער שענק מיט גרויס כעס און האָבען געשריגען ווי שטעלסטו דיך אונטער די יוד. צו בעהאַלטען דעם בראָנפען און ניט געבין די זעלנער וואס גייען צוריק פון דער מלחמה און האָבען מיט העלדישקייט די מלחמה געוואונען. און זיי ווילען זיך פריעהן קומסטו זייער שמחה שטערין מיט דעם

וואָס

וואָס די בעהאַלסט פון זיי דעם בראָנפען דריבער זאָלסטו שוין אריין ברענגען וויפיהל בראָנפען די האָסט. מיר זאָלען טרינקען. און אויב נישט וועסטו ניט גיט אָב שניידען. וואָהרען איהר וועט בעקומען געשלאָגען אַזוי אַז איהר וועט אייך שוין אַליין בעטען אַז מיר זאָלען אייך אָב לאָזען און איהר וועט ברענגען בראָנפען און מיר וועלין דאָס גאַנצע הויז צו לייגין און צו ברעכען אַלע כלים :

האָבען זיך די שטיב מענשען געשוואָרען אַז זיי האָבען שוין נישט מעהר קיין בראָנפען. און ווען זיי זאָלען האָבען וואָלטען זיי באַלד געגעבען אָבער די זעלנער האָבען נישט געוואָלט בשום אופן גלויבען און יעדען מיניט זענען זיי בייזער געוואָרען ביז זיי האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען גרויסע שאָדינס און שטיב און ווי די מענשען האָבען געזעהן אַז זיי זענען און אַ גרויס אומגליק זענען זיי אַרויבער געלאָפען צום רבי'ן ר' זושא זכרונו לברכה און האָבען איהם דערציילט די מעשה אַז דאָס מיליטער וויל נישט אָבטרעטען און זיי מאַכען אָהן גרויסע שאָדענס. האָט דער רבי ר' זושא גענומען דעם שטעקען און דער האַנד אַריין און איז צו געגאַנגען צו דער שענק. און האָט אַריין געקוקט דורך דעם פענסטער פון דער שענק דען די שענק איז פיהל געוועזען מיט מיליטער און זיי זענען אַרויס געלאָפען און האָבען געשריגען גוט אונז בראָנפען אַז נישט צו לייגען מיר דאָס גאַנצע הויז האָט דער רבי ר' זושא זכרונו לברכה גוט געקוקט אויף די זעלנער און האָט אָהנגעהויבען צו זאָגען מיט גרויס התלהבות „ובכן תן פחדך על כל מעשיך ואימתך על כל מה שבראת" און האָט עטליכע מאָהל געזאָגט די תפלה און האָט אויך עטליכע מאָהל געטאָפעלט און געזאָגט די ווערטער „ובכן תן פחדך" איז געפאַלען אַ גרויס ציטערניש אויף דעם מיליטער און זיי זענין איבער געשראָקען געוואָרען אַז זיי האָבען נישט געוויסט ווי צו אַנטלאָפען און דער וואָס איז געשטאַנען נאָהנט פון דער טיהר איז געלאָפען נאָך דער טוהר און די וואָס זענען געשטאַנען נאָהנט צום פענצטער זענען אַנטלאָפען דורך די פענצטער און זיי האָבען איבער געלאָזט זייער געוועהר און שטיעב פון דער שענק און זענען אַזוי געלאָפען מיט שרעק און דער גאַס אַריין און זיי האָבען זיך נישט געוויסט ווי צו בעהאַלטען פאַר גרויס מורא וואָס עס איז אויף זיי געפאַלען :

און ווי זיי זענען אַזוי געלאָפען האָט זיי בעגעגענט זייער פאָלקאָווניק. און ווי דער שטייגער איז אַז די זעלנער טרעפען זייער עלצטען און נאָס דאַרפען זיי זיך אָב שטעלען און איהם אָב געבין זיין עהרע. און איבער

איבער הויפט דעם פולקאָווניק. אָבער די זעלנער זענען געלאָפען מיט אזא שרעק אז זיי האָבען גאָר ניט בעמערקט אז זייער פולקאָווניק גייט א דורך און זיי זענען ווייטער געלאָפען און זיך גאָר ניט אָב געשטעלט און איהם ניט אָב געגעבען זיין עהרע:

און ווי דער פולקאָווניק האָט דאָס געזעהן האָט ער אָהנגעהויבען צו שרייען שטייט איהר ווילדע ברואים. וואָס לויפט איהר אַרום ווי די משוגענע און איהר ווייסט גאָר אַליין ניט ווי איהר לויפט און איהר זעהט גאָר ניט אַז אייער פולקאָווניק גייט א דורך דורך אייך און איהר גיט ניט אָב די עהרע. אַזוי ווי איהר דאַרפט. און אַזוי האָט ער עטליכע מאָהל זייער בייז געשריגען. ביז זיי האָבען איהם בעמערקט. און זיי האָבען זיך אָב געשטעלט און זיי זענען געשטאַנען מיט פיהל שרעק אַז די ציין האָבען זיי געקלאַפט איינער און צווייטען. און האָבען געזאָגט דעם פולקאָווניק ער זאָל אויף זיי ניט קיין פעראיבעל האָבען וואָס זיי האָבען זיך ניט אָב געשטעלט און איהם אָב געגעבען זיין עהרע ווי עס קומט. דען אַזוי ווי זיי זענען אַריין געקומען און שטאָדט אַריין און האָבען זיך געפרייט מיט זייער נצחון זענען זיי אַריין בעגאַנגען צו א יוד און שענק אַריין און האָבען ביי איהם אויס געטרינקען דעם גאַנצען בראָנפען וואָס איז געווען און שענק און זיי האָבען זיך געהייסען נאָך געבען און ווייל דער יוד האָט געזאָגט אַז ער האָט שוין ניט מעהר קיין בראָנפען און האָט זיי ניט געגעבען האָבען זיי איהם געשלאָגען און אָהנגעמאַכט און שענק גרויסע שאָדינס. דער ווייל איז אָהנגעקומען א אַלטער יוד און האָט געשריגען. פַּחְדְּךָ פֶּחָדְךָ עטליכע מאָהל איז אויף זיי געפאַלען א שרעק און זיי לויפען און ווייסען גאָר ניט ווי צו לויפען. אַז זיי האָבען אפילו דעם פולקאָווניק ניט בעמערקט א דורך גיין ווען ניט וואָס ער האָט געשריגען:

האָט דער פולקאָווניק געזאָגט עס איז גאַנץ רעכט. דען פאַר וואָס זענט איהר געגאַנגען ראַבירען און אָהנמאַכען שאָדענס א פרידליכען בירגער און יעצט קומט מיט מיר און ווייזט מיר ווי עס איז די שענק וואָס איהר האָט דאָרט געטרונקען זענען זיי מיט איהם בעגאַנגען צו דער שענק. און ווי דער פולקאָווניק האָט געזעהן די גרויסע שאָדענס וואָס זיי האָבען געמאַכט האָט ער געהייסען דעם בעל הבית פון דער שענק מאַכען א רעכנונג וויפיל עס טרעפט אָהן דער שאָדען וואָס זיי האָבען אָהנגעמאַכט און ער האָט זיי געניט אז זיי זאָלען אלעס בעצאָהלען און זיי זאָלען אויך איבער בעטען דעם בעל הבית פון דער שענק מיט זיין גאַנץ בני בית פאַר דעם וואָס

זיי האבען זיי געשלאגען. דער נאך איז זיי הערשט בעסער געווארען און די שרעק האט זיך פון זיי אב געטוהן. און זיי האבען בענומען זייערע כלי זיין און זענען אוועק געגאנגען און עס איז דערפון געווארען א גרויסער קידוש השם. זיין זכות און דער זכות פון אלע צדיקים זאל אונז ביי שטיין אז מיר זאלען געהאלפען ווערין מיט אלעס וואס מיר דארפען און עס זאל קומען דער גואל צדק אמן:

## א וואונדערליכע מעשה פון רבין ר' זושא זצ"ל.

דער הייליגער רבי ר' זושא זכרונו לברכה איז איינמאהל שלאף געווארען האט ער געהייסען מאכען א סעודה פאר די חסידים און ער איז מיט השי"ת הילף געזינד געווארען האט ער געזאגט אז די סגולה איז מרומז אין תהלים קאפיטעל קי"ט און דעם פסוק סעדני ואושעה דאס איז טייטש אז איר ווילט איר זאלט געהאלפען ווערין מיט געזינד וואס דאס איז דאך די גרעסטע הילף אז דער מענש זאל זיין געזינד איז א סגולה „סעדני" איהר זאלט מאכען א סעודה. זיין זכות זאל אונז ביי שטיין מיר זאלען זיין געזינד:

## א וואונדערליכע מעשה פון הייליגען גאון רבינו משה בן מיימון זכרונו לברכה וואס איז בעוואוסט אויף דער גאנצער וועלט מיט דעם נאמען רמב"ם ז"ל.

דער רמב"ם זכרונו לברכה האט געוואהנט א לאנגע צייט און דער שטאדט אלגור וואס איז אין דער מדינה בארבארי וועלכע עס געפינט זיך און טייל פון אפריקא און די אלע ערטער ווי ער האט געוואהנט איז ער געווען געאכטעט ביי אלע מענשען אזוי איז ער אין אלגור אויך געוועזען געליבט און געאכטעט ביי אלעמען און אויך געוועזען געליבט ביי די ריכטער

פון

**פון דער שטאָדט וואָס זענען גערופען געוואָרען מיט דעם נאָמען דיוואן איז ער זייער חשוב געוועזען:**

צווישען די ריכטער איז געוועזען איינ"ר אויף א גרויסער חכם און א שלעכטער מענש זיין נאָמען איז געוועזען פערו און האָט זיך זייער מקנא געוועזען און דעם רמב"ם זכרונו לברכה. ווייל מען האָט דעם רמב"ם ז"ל מעהר געאַכטעט און שטאָדט פון איהם. און ער האָט שטענדיג געזוכט ווי אַזוי צו ברענגען שלעכטס ח"ו אויף הייליגען רמב"ם זכרונו לברכה איינמאָהל איז געקומען אַ שאלה פאַר דעם רמב"ם זכרונו לברכה אַז אַ גוי פון דער שטאָדט האָט אָהנגערורט און אַ אָפען פאַס ווייַן האָט דער רמב"ם זכרונו לברכה געפסק'ענט אַז דער ווייַן איז נסך. און מען טאָהר איהם נישט ניצען. דער נאָך איז ווידער אַ צווייטער געקומען פרעגען אַ שאלה אַז עס איז אַרייַן געפאַלען אַ עכבר און אַ פאַס בוימאייל האָט דער רמב"ם זכרונו לברכה געפסק'ענט אַז מען מעג דעם בוימאייל ניצען און דער ריכטער פערו איז פון דעם פסק געוואָהר געוואָרען האָט ער זיך געטראַכט יעצט איז געקומען די צייט זיך נוקם צו זיין און דעם רמב"ם און ער האָט איינגעזאַמעלט אַלע גרעסטע ריכטער און האָט פאַר זיי דער ציילט דעם רמב"ם'ס זכרונו לברכה פסק'ים. און פאַר זיי געמאַכט אַ גרויס געוואַלד זעהט באַהר ווי נידעריג ער האַלט אונז דאָס מיר זענען ביי איהם ערגער ווי אַ טויטער עכבר. און זיי האָבען אַלע איינשטימיג אָהנגענומען דעם ריכטער פערו'ס פסק אַז דעם רמב"ם קומט טויט שטראָף ח"ו:

און עס איז געוואָרען אַ גרויסער רעש דער פון ביז דער רמב"ם זכרונו לברכה איז דער פון געוואָהר געוואָרען. האָט ער מורא געהאַט אַז דער קיסר וועט אויף דער פסק בעשטעטיגען האָט ער בעשלאָסען געהיים צו אַנטלויפען פון דאָרט. און ער האָט מיט זיך מיט גענומען זיין גאַנץ פאַר מעגין גאָלד און זילבער און אַנדערע טייערע זאַכען. און איז מיט זיין ווייב אין קינדער געגאַנגען צום באָרט פון ים און איז צו געגאַנגען צו אַ שיפס קאַפּיטאַן און ביי איהם בעדינגען אַ קליין שיפעל אויף צו שפאַצירען ביים באָרט. און ווי דער רמב"ם ז"ל מיט זיין בני בית זענען שוין געוועזען און דעם שיפעל האָט דער רמב"ם אַרייַן געלייגט אין אַ ווינקעל פון דער שיף אַ הייליגען שם וואָס איז מסוגל אַז די שיף זאָל און אַ קלייניע צייט קומען אויף דעם אָרט ווי דער מענש דאַרף. און דער שיפס קאַפּיטאַן איז איין געשלאָפען געוואָרען און אַ פערטיל שעה אַרום זענען זיי געקומען צום פּאָרט פון דער שטאָדט קאַורא וואָס איז אין מצרים. וואָס איז אַ סאַך הינדערטער מיילען

ווייט

וייט פון אלגור און דער רמב"ם האט דא געוואלט פארבלייבען וואהנען האט ער דעם הייליגען שם ארויס גענומען איז דאס שיפל געבליבען שטיין און דער שיפס קאפיטאן האט זיך אויף געחאפט האט ער דער זעהן דאס ער איז און א פרעמדע מדינה וואס ער קען נישט זייער שפראך :

האט ער אנגעהויבען צו שרייען אויף דעם רמב"ם זכרונו לברכה אז ער האט דאס געמאכט מיט כישוף האט איהם דעם רמב"ם זכרונו לברכה געטרייסט און בערוהיגט און האט איהם געזאגט ער זאל גאר קיין פארכט נישט האבען דען ער וועט איהם צייט א פערטיל שעה צוריק שטעלען אהיים צום פארט פון אלגור :

און דער רמב"ם זכרונו לברכה האט גענומען דעם הייליגען שם און האט געגעבען דעם שיפס קאפיטאן און איהם געזאגט די וועסט דעם בריף אנידער לייגען און א ווינקעל פון דעם שיפעל וועסט און א פערטיל שעה קומען קיין אלגור נאהר די זאלסט געדענקען אזוי ווי די וועסט קומען צום פארט זאלסטו נעמען דעם בריף און ארויין ווארפען און ים אריין. און די זאלסט קיינעם דער פון נישט דערציילען אויב דיא וועסט עמיצען דער פון דערציילען וועסט דיא באלד שטארבען האט איהם דער שיפס קאפיטאן צו געזאגט און ער האט אנידער געלייגט דעם בריף אין דעם שיפעל און איז א היים געפאהרען אזוי ווי דער רמב"ם זכרונו לברכה האט איהם צו געזאגט און ווי ער איז געקומען צום פארט האט ער דעם בריף אריין געווארפען און ים אריין און דער רמב"ם ז"ל האט זיך בעזעצט און קאירא און האט אנגעהויבען צו געבען רפואות צו קראנקע און ער איז באלד בעוויסט געווארען אין דער גאנצער שטאדט פער איין גרויסען דאקטער :

און ווי עס איז אוועק געגאנגען א צייט איז דער רמב"ם זכרונו לברכה אויך בעוויסט געווארען און קעניגליכען הויף פאר א גרויסען דאקטער און דער קיסר האט איהם גענומען און הויף אריין ער זאל זיין זיין לייב דאקטער און ער האט איהם געהאלטען פון זיינע בעסטע פריינד. און דער ריכטער פערו איז דער פון געוואהר געווארען האט עס איהם זייער געקרענקט און ער האט געזוכט עצות ווי אזוי דעם רמב"ם כבוד צו ערנידעריגען :

און עס איז געוועזען א אבמאך צווישען דעם קיסר פון מצרים און דעם קיסר פון אלגור און אלע פינף און צוואנציג יאהר זאגען זיך צו זאמען נעקומען דעלעגאטען פון ביידע מלוכות צו בעניייען דעם אינטער געשריבענעם טראקטאט. און ווען דער רמב"ם זכרונו לברכה איז שוין געוועזען דריי יאהר

יאָהר און קעניגליכען הויף איז געקומען די צייט פון בעניייען דעם אבמאך צווישען דעם קיסר פון אלגור און דעם קיסר פון מצרים. האָט דער ריכטער פערו געזעהן צו פועלען ער זאָל זיין איינער פון די דעליגאַטען צו פאָהרען קיין קאורא כדי ער זאָל האָבען א געלעגענהייט צו מסרין דעם רמב"ם ז"ל און ערנידעריגען זיין כבוד וואס ער האָט און קעניגליכען הויף. און דעם צווייטען טאָג ווי דער ריכטער פערו איז געקומען קיין קאורא האָט דער רמב"ם זכרונו לברכה בעשוואָרען דעם שר של אש אז עס זאָל נישט קענען ברענען און קיין שום הויז קיין פייער איז געוואָרען א גרויסער בימעל און גאַנץ קאורא און די זאך איז באלד בעוויסט געוואָרען און דער גאַנצער מדינה מצרים. און עס האָט אַזוי נישט געקענט ברענען קיין שום פייער און גאַנץ קאורא גאַנצע זעקס טאָג:

דער קיסר האָט געשיקט רופען אלע שטערען זעהערס און כישוף מאַכערס וואס האָבען זיך געפונען און קאורא און ער האָט זיי געבעטען זיי זאָלען איהם זאָגען די סיבה דער פון אָבער זיי האָבען קיינער נישט געקענט זאָגען און אויך נישט געקענט העלפען דער צו האָט דער קיסר געפרעגט דעם רמב"ם ז"ל אפשר ווייסטו וואָס דאָס איז וואָס שוין זעקס טאָג קען זיך און קיין שום אָרט און גאַנץ קאורא נישט אָהנצינדען קיין פייער. האָט דער רמב"ם געזאָגט איך האָב געוואָהנט א לאַנגע צייט און דער שטאָדט אלגור וואס איז אין דער דער מדינה באַרבאַריא. איז דאָרט צווישען די ריכטער געוועזען איינער א ריכטער מיט'ן נאמען פערו און ער איז א גרויסער מכשף. און איך האב געהערט אז ער איז דאה אהער געקומען מיט דער דעליגאַציע פון אלגור צו בעניייען דעם טראַקטאַט וואס איז אינטער געשריבען פון דער מלוכה פון מצרים און אלגור איז ביי מיר זיכער אז דאָס איז א כישוף פון איהם דאָס ער וויל אומברענגען דעם קיסר מיט זיין גאַנצע פאַמיליע און ער זאָל נאך ווערען קיסר איבער ביידע מדינות מצרים און אלגור. האָט דער קיסר געזאָגט צום רמב"ם ז"ל דער ריכטער פערו האָט דאך נעכטען דערציילט איינעם פון די מיניסטאָרען פון מיין הויף אז די ביסט אנטלאָפען פון אלגור וויל מען האָט די געוואָלט הענגען ווייל די האָסט גיטוהן א פערברעך האָט דער רמב"ם ז"ל געזאָגט צום קיסר דער קיסר זאָל מיר ערלויבען אהיים צו געהן וועל איך ברענגען דאָס פאַפּיער פון שיפס קאַנצעלאַריע וואָס איז און אלגור וואס איך האָב אַרויס גענומען צו פאָהרען געריכטלעך און אז איך בין נישט אנטלאָפען אָהן דער ידיעה פון דער רעגירונג און נישט אַזוי ווי דער ליגנער דער כישוף מאַכער פערו

האָט

האָט געזאָגט. האָט איהם דער קיסר ערלויבט. איז דער רמב״ם ז״ל אהיים געגאנגען און האָט געבּרענגט דעם אַקט וואָס ער האָט אַרויס גענומען פון דער קאַנצעלאַריע אין אַלגור און דעם ערלויבּעניש וואָס ער האָט אַרויס גענומען אין דער קאַנצעלאַריע פון קאַורא. האָט דער קיסר געגלייבּט און דעם רמב״ם׳ס רייד און אַז דער ריכטער פערוּ האָט טאַקע די זאַך געטוהן וואָס עס קען נישט ברענגען קיין פייער און גאַנץ קאַורא האָט ער געמאַכט מיט זיין כישוף און איז אויף איהם זייער בּייז געוואָרען:

און דעם אכטען טאָג וואָס דער ריכטער פערוּ איז געהאַט געקומען קיין קאַורא האָט מען בּעדאַרפען אינטער שרייבען דעם טראַקטאַט האָט ער איינגעשפּאַנט די קאַטש צו פאהרען און קענינגליכען הויף אריין אינטער צו שרייבען די פאַפּירען און ער האט געהאט אַ גרויסען הינט וואס ער האט איהם זייער ליעב געהאט. און ווי ער איז געפאָרען האָט ער דעם הינט מיט גענומען און ער האָט איהם אויף געהאַט אין קאַרוּא און ווי ער איז געפּאָהרען צום קיסר האָט ער דעם הינט אויך אַריין גענומען אין קאַטש אריין און איז אַזוי געפּאָהרען. און ווי זיי זענען געפּאָהרען. איז פּלוצלינג דער הינט אַרויס געשפּרינגען פון דער קאַטש און האָט אָנגעהויבּען צו שפּאַיען פלאַמען פייער פון זיין מויל און עס איז געוואָרען אַ גרויסע שריפה עס איז פאַרבּרענט געוואָרען פיהל הייזער אויף אַלע וואָס זענען געוועזען אין די הייזער און עס איז געוואָרען אַ גרויס געשריי אין דער שטאָדט און דער ריכטער פערוּ איז אויך געבּליבּען שטעהן דערשראָקען פון די פלאַמען וואָס זיין הינט האָט געשפּיגען. און ווי די מענשען פון קאַרוּא האָבּען דאָס געזעהן האָבּען זיי אָנגעהויבּען צו שרייען. די פערפליכטער כישוף מאַכער די בּיסט געקומען חרוב מאַכען אינזער שטאָדט. און זיי האָבּען אָהנגעהויבּען צו וואַרפען שטיינער אויף איהם און אויף זיין הינט און האָבּען איהם צו שניטען אויף שטיקער מיט זיין הינט. און די קאַטש מיט די פערד און יעדער איינציגער האָט געחאַפּט אַ שטיק פון דעם וואָגען אָדער פון דעם הינט און האָבּען בּעהאַלטען אויף איין אַ דענקונג. דער זכות פון דעם הייליגען רמב״ם זכרונו לברכה זאָל אונז בּיי שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט כל טוב און אָב געהיטען ווערען פון אלעם בּייז אמן:

# א ווינדערליכע מעשה פון דעם הייליגען רבי׳ן ר׳ העשיל זצ״ל.

אין דער שטאדט בראָדע איז געוועזען א עושר א מתנגד און ער האט געהאַט צוויי זוהן דער עלטערער איז אויך געוועזען א מתנגד און דער יונגערער איז געוועזען א חסיד פון דעם רבי׳ן ר׳ העשיל׳ס חסידים און א צייט ארום איז זייער פאטער געשטארבען ער האט איבער געלאזט א גרויס פאר מעגין און ער האט געהאַט א שנים האנדעל האבען די גאנצע שטאדט געשמיסט אז די צוויי ברידער וועלען בלייבען ביי דעם געשעפט און עס וועט זיך פיהרען דער מסחר אַזוי ווי פריהער נאר דער ברידער דער חסיד האט געזאגט אז ער קען קיין שותפות נישט מאכען ביז ער וועט פאהרען פרעגען דעם רבי׳ן ר׳ העשיל א עצה וואס ער זאל טוהן. האט איהם דער רבי ר׳ העשיל נישט געהייסען מאכען קיין שותפות ווי ער איז א היים געקומען, האט ער דערציילט דעם ווייב אז דער רבי האט איהם נישט געהייסען מאכען קיין שותפות. האט איהם דאס ווייב געענטפערט אז איהר געפעלט נישט דעם רבי׳נס רייד ווארען אזוי ווי דאס געשעפט פיהרט זיך שוין כמה יאהרען און דער עלטערער ברידער ווייסט דאס געשעפט זייער גוט און ער קען אלע סוחרים און אלע סוחרים קענען איהם דעריבער איז גלייכער אז דאס געשעפט זאל זיך פיהרען אזוי ווי פריהער. נאר דער מאן האט געשריגען אז ער וועט זי ניט פאלגען ווייל דער רבי האט איהם נישט געהייסען מאכען קיין שותפות נאר אזוי ווי דאס ווייב האט מיט איהם געטענה׳ט אלע טאג דער פון און זי האט געזאגט אז עס קען אנדערש נישט זיין ביז דער מאן איז מיעד געווארען און האט איהר נאך געגעבען און האט געמאכט שותפות מיט דעם ברודער. און אזוי איז אוועק געגאנגען א ערך פון דריי יאהר נאר אזוי ווי דער עלטערער ברידער האט געהאַט זיבען טעכטער מיט איין זאהן און דער יונגערער ברידער האט נאהר געהאט איין זאהן מיט איין טאכטער האבען זיי געמאכט אז זיי זאלען ארויס נעמין אויף פרנסה גלייך און דעם יונגערין׳ס בן יחיד איז געוועזען א גרויסער עילוי האבען זיי געדינגען א מלמד ער זאל לערנען מיט ביידע קינדער און די קינדער האבען זיך זייער ליעב געהאט איינער דעם אנדערען אז זיי האבען נישט געקענט זיין איינער אהן דעם צווייטען. און א צייט ארום האבען די משרתים פון דעם געשעפט דער ציילט דעם יונגערען ברידער אז דער עלטערער ברידער גנב׳ט פון געשעפט די סחורה ווארים ער איז א גרויסער

בעל הוצאה פון די קינדער האט דער יונגערער אהן געהויבען אכטונג צו געבען אויף איהם און האט געזעהן אז עס איז אמת האט ער זיך אנגעהויבען צו קריגען מיט דעם עלטערען ברודער און דאס מחלוקת איז געוועזען אזוי גרויס ביז מענשען האבען זיך אריין גימישט אין דעם. האט מען געמאכט אז פון דעם גאנצען קאפיטאל וויפיעל עס טרעפט אהן דאס געשעפט זאל דער עלטערער ברודער בעקומען צוויי חלקים און דער יונגערער א דריטעל און זיי האבען זיך צו טיילט דער האט געמאכט א בעזונדער געשעפט און דער בעזונדער. זיי זענען זיך געווארען שונאים איינער דעם אנדערען אזוי ווי דער שטייגער פון קאנקורענצע נאר די זוהן זייערע האבען זיך זייער ליעב געהאט אזוי ווי פריהער און אזוי ווי דער יונגערער ברודער איז געוועזען זייער א גוטער מענש האט ער צו זיך צו געצויגען אלע סוחרים איז ער געווארען זייער רייך האט זיך דער עלטערער ברודער אין איהם מקנא גיוועזען און האט געזיכט עצות ער זאל פון איהם פטור ווערען האט ער טאג און נאכט געטראכט עצות מיט זיין ווייב ביז זיי זענען געפאלען אויף איין א עצה מען זאל בעקומען פאלטש געלד און אונטער ווארפען דעם ברודער און מסריען איהם אז ער האנדעלט מיט פאלטש געלד און זיי האבען טאקע געקרוגען פאלטש געלד. זיי האבען אבער נישט געהאט ווער עס זאל דאס אונטער ווארפען איז ביי זיי געבליבען אז זיי זאלען אונטער קויפען די דינסט וואס זי דינט ביי דעם ברודער אז זי זאל דאס טוהן נאר ווי זיי האבען דאס גערעד און זייער בן יחיד איז געזעסען אין אנדערין חדר און דאס בעהערט האט דאס איהם זייער פארדראסען נאר ער האט נישט געקענט רעדין א קעגין די עלטערין האט ער געמוזט שווייגען און עטליכע טעג ארום איז געקומען די גאנצע פאליציע צום יונגערען ברודער און מען האט געמאכט א רעוויזיע און מען האט געפונען דאס פאלשע געלט און מען האט איהם ארעסטירט. און דאס ווייב מיט די קינדער זענען געשלאפען. נאך דעם זענין זיי אויף געשטאנען און האבען געהערט וואס דא איז געוועזען האבען זיי געחלשט אז זענין געוועזען טויט ביז מיט גרויס מוה האט מען זיי קוים דער ראטעוועט. און אויף מארגען איז געוועזען א גרויסער רעש און שטאדט דער האט געגלייבט און דער האט געזאגט עס איז א בילבול אזוי ווי דער שטייגער פון מענשען נאר די פרוי מיט די קינדער איז געוועזען זייער ביטער פון אלע זייטין זיי האבען נישט גיקענט ארויס געהן אויף דער גאס פאר שאנדע און אזוי ווי עס איז זייער שלעכט געוועזען האבען זיי נישט געהאט קיין אנדערע עצה נאר צו פאהרען צום רבין ר' העשיל

אין

און איהם פרעגען וואס זי זאל טוהן. ווי זי איז געקומען צום רבי'ן און האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה האט ער איהר גיענפערט, די ביסט אליין שילדיג און דעם איך האב דאך דיין מאן געזאגט אז ער זאל נישט מאכען קיין שותפות באהר די האסט איהם גענייט דער צו. נאר האב נישט קיין מורא גאט וועט דיך נישט פערלאזען און אזוי ווי ער האט געוואלט טוהן זיין ברודער אזוי וועט געטוהן ווערין צו איהם נאר געלויבט איז גאט וואס דיין זוהן מיט זיין זוהן זענין זיך גוטע פריינד. און מעהר האט שוין דער רבי ר' העשיל מיט איהר נישט גערעדט און האט זי געהייסען אהיים פאהרען ווי זי איז א היים געקומען האט איהר דער זוהן. דער ציילט אז דעם פעטערס זוהן געהט ארום מיט גרויס עגמת נפש דער פון. און האט עפיס געזאגט א פאהר ווערטער וואס עס ווייזט אויס אז ער ווייסט עפיס א סוד דער פון און איך האב איהם גיבעטין וויפיעל מאהל ער זאל מיר זאגען וואס ער ווייסט האט ער געשוויגען און ער האט מיר גאר נישט גיענפערט ווי די מיטער האט דאס דער הערט האט זי געזאגט צו איהר זיהן יעצט פאר שטיי איך וואס דער צדיק האט מיר געזאגט געלויבט איז גאט וואס דיין זוהן מיט זיין זוהן זענין זיך גוטע פריינד דעריבער מיין קינד איז אויף דיר הל די זאך אז די זאלסט אויס פארשטען ביי דיין חבר דעם פעטערס זוהן וואס ער ווייסט ווי ער האט דאס געהערט איז ער בעגאנגען צום חבר אווי האט איהם געזאגט די ביסט מיין בעסטער גוטער פריינד פון מיין יוגענד אהן און די ווייסט א סוד פון דעם געשעפט און די זעהסט די גרויסע צרות וואס מיר האבען פון דעם און די שווייגסט מוז איך זיך פון דיר אב שיידען ווארים איך פאר שטיי אז די ביסט מיר אויך אזא שונא ווי דיין פאטער איז א שונא מיין פאטער און ער האט איהם דער ציילט וואס דער רבי האט געזאגט און אזוי ווי ער האט איהם דאס געזאגט האט דער חבר אהן געהויבען צו וויינען און האט געזאגט וואס קען איך טוהן קענין כיבוד אב ואם. האט איהם דער חבר געזאגט אז דיין פאטער וועט דיך הייסען מחלל שבת זיין וועסטו איהם אויך פאלגען פארגעס נישט אז דאס איז א ענין פון פיקוח נפש וואס מען מעג מחלל שבת זיין ווארין מיין פאטער וועט דאס געוויס נישט אויס האלטען און ער האט מיט איהם גערעדט זייער א סאך און ער האט איהם געבעטען ער זאל אויף איהם רחמנות האבען אויף זייער גאנץ הויז געזינד. האט איהם דער חבר דער ציילט די גאנצע מעשה ווי ער האט גיהערט ווי דער פאטער האט געשמיסט אז מען דארף גוט בעצאהלען דער דינסט וואס זי דינט ביי ענק אז זי זאל

ווארפען דאס פאלטשע געלד האט ער איהם גיפרעגט ווייסטו ריכטיג אז עס איז אזוי געוועזען האט ער איהם גיענפערט איך בעט דיך רייד מיט מיר מעהר נישט ווארין איך קען שוין מעהר נישט ריידען ווי ער האט דאס דער הערט איז ער געגאנגען און האט דאס דער ציילט דער מוטער און די מוטער געגאנגען צו די פאליציע און האט געזאגט אז די דינסט וואס דינט ביי איהר ווייסט די גאנצע מעשה האט מען זי באלד גענומען אויס סלעדעוועען האט זי געלייקענט אז זי ווייסט נישט פון קיין שום זאך האט מען זי איין געזעצט און דער תפיסה און מען האט זי געשלאגען פיז זי האט אנגעהויבען צו דרייען מיט דער צינג ביז דער סלעדאוואטעל האט פון איהר ארוס געקריגען דיבורים און זי האט מודה גיוועזן אז דעם בעה״ב ברידער האט זי געבעטען זי זאל אונטער ווארפען דאס געלד ביי איהר בעל הבית האט מען גענימען דעם עלטערען ברידער און די דינסט האט איהם געזאגט גלייך און די אויגען יעדער ווארט. האט מען איהם איין געזעצט אין דער תפיסה און דעם יונגערען ברודער האט מען פריי געלאזט און ער האט אהן געהויבען מאכען גוטע געשעפטען און ער האט גענומען דעם ברודער׳ס זוהן פאר איין חתן צו זיין טאכטער און דעם ברידער׳ס ווייב מיט די קינדער האט ער גיגעבען פרנסה וויפיעל זיי האבען בעדארפען ווארען דעם ברודער האט מען פאר שיקט ארעסטיינסקי ראטי. דער זכות פון דעם הייליגען צדיק זאל אונז ביי שטיין אמן: